לשנה־טובה־ווונשן צו קרובים און פריינט דורך „לשון און לעבן"
קומענדיקן חודש.
יעדער ביישטייער איז א בוי־שטיין פאר אונזער זשורנאל

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)

אילוסטרירטער
טעאטער שפיגל

חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון „פאלקס־הויז" (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאטער אין לאנדאן. אין יעדן נומער דערשיינען אקטועלע ארטיקלען און ידיעות, וואס זענען נוגע דעם יידישן טעאטער אין לאנדאן און אנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: **1 שילינג**
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone : — BIS 1320.

אין דער בוכבינדעריי פון
מ. מינדעל

M. MINDEL
11 Woodseer St., E1.
(Brick Lane)
*Phone: BIS. 2647*

ווערן אויסגעפירט אלערליי ארבעטן, אלטע און נייע, לויט יעדענס פארלאנג.

דער
פלאץ
איז
רעזערווירט
פאר
י. ביעטש


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

92

# לשון און לעבן

## חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יארגאנג — אקטאבער 1947 לאנדאן — נומער 10 (העפט 93)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:


„מלאכה־מלוכה"....** .. .. .. .. .. .. 1
מיינע חברים (דערציילונג־ציקל) — יהודה האזרחי .. 6
וועכטער־ליד (ליד) — מנחת כהן .. .. .. .. 11
דערפארונגען אין רויטן קרייז (איבערלעבענישן) — משה עובד 12
דער לאקאמאטיוו פייפט זיך אוים אויפן ווינט
(ליד) — דוד זיידענפעלד .. .. .. 15
ווי אלט איז זעליק? (א קאפיטל פון א ראמאן) — זיינוול דיאמאנט 17
אין חודש תשרי, די „ווידוי גדולה"... אסיען (לידער)
— א. נ. שטענצל .. .. .. .. 24
לך לך....פוילן 1 (רעצענזיע איבער שאיעוויטש'ס בוך
„לך לך" — ד"ר יעקב י. מייטלים .. .. 27
א מערקווירדיקער העברעאישער שרייבער וואס שטאמט פון די
שפאנישע אנוסים (צום 60טן יובילייִ פון יהודה בורלע)
— מתתיהו פאפירמייסטער .. .. 32
די נייע זאמעלביכער פאר פאלקלאר — ש. ערנסט .. .. 34
„ס'זאל קומען צו דעם..." (עסיי) — לעא קעניג .. .. 37
א לא פודישקעוויטש (עסיי) — אליהו פאלושאק .. .. 40
דער גולם האט דאסווארט... (פעליעטאן) — נחום שטענצל 43
מאסקווע, דער ליכטזייל פון דער וועלט (עסיי) — פרץ מארקיש 46
זשורנאליסטישע מעטאדן... — י. וו. פאדאלסקי .. .. 50
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע ליטערארישע שבת נאכמיטאגס 52


**פרייז 1 שילינג**

אבאנענטס־פרייז :—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד :—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

## צו אונדזערע אבאָנענטן, לייענער און פריינט פון „לשון און לעבן“

ווי אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, ערשט ווי אַ שמאָל דין־העפטל פון אכט זייטן און איצטער אַלס זשורנאַל פון 64 זייטן טרעטן מיר אַריין אינם אַכטן יאָר־גאַנג. ווען אונדזערע לעצטע צוויי אויסגאַבעס זיינען דערשינען מיט עטלעכע זייטן ווייניקער איז עס מחמת דער קנאַפּהייט פון פּאַפּיר און די אַלגעמיינע באַגרעניצונגען פאַר רוישטאָפן.

פון אָנהייב אָן פונם אַרויסגעבן פונם ערשטן העפטל ביז צום לעצטן נומער פונם איצטיקן זשורנאַל קומט עס אונדז אָן מיט קריעת ים סוף. אין די לעצטע חדשים זיינען מיר אַריין אין חובות ביים דרוקער. מיר האָבן אונדזערע פריינט און חברים נישט אַלאַמירט. דער זשורנאַל איז יעדן חודש טראָץ אַלע שוועריקייטן פּינקטלעך דערשינען.

כדי ווייטער צו קענען אָנהאַלטן דעם געהעריקן סטאַנדאַרד (איר ווייסט גאָרנישט ווי ווייט עס טוט אַ רעדאַקטאָר אָפּזוליינען אַ ליד, אַ דערציילונג, פון חודש צו חודש פון אַ באַקאַנטן שרייבער — 16 זייטלעך, אויסגעלאָזטע, קענען דעם חסרון ממלא זיין!) בעטן מיר אונדזערע אבאָנענטן אָן אויפֿפאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס'איז בכח פאַר אַ יאָר אין פאָראויס.

מיר בעטן די אבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן“ צו פילן אַ חוב צו שאַפן פרישע לייענער און אבאָנענטן פאַר אונדזער פּעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן די אויפלאַגע און אַזוי אַרום אויך פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אַנאָנסן. אויך דאָס קען זיין אַ בויסטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

מיר טיילן אייך מיט, אַז עס איז געבילדעט געוואָרן אַ געמיינזאַם סעקרעטאַריאַט פון „לשון און לעבן“ און „פריינט פון יידיש לשון“, אָנגעפירט פון אונדזערע מיטאַרבעטער יהודה ביעטש און אליהו פּאַלושאַק.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, E.8. London.


### אין דער בוכבינדעריי פון מ. מינדעל

ווערן אויסגעפירט אַלערליי אַרבעטן, אַלטע און נייע, לויט יעדענס פאַרלאַנג

M. MINDEL 11 Woodseer St., E1. (Brick Lane) *Phone: BIS.* 2647


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג | אָקטאָבער 1947 לאָנדאָן | נומער 10 (העפט 93)


## „מלאכה־מלוכה“ — — —

.1

מיר וואָלטן זיך געקאָנט אויך יעצט זייער גרינג אַרויסדרייען פון אַ צייט־מעסיקן לייטאַרטיקל, ווייל אונדזער ליטעראַרישער זשורנאַל „לשון און לעבן“ איז קיין פּאַרטיי־פּאָליטישער נישט און פּרעטענדירט צומאָל אויך נישט צו זיין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַן; אָבער דער ענין פון יידישער מלוכה איז סוף כל סוף נישט נאָר אַ „יונאָ“־ענין, ער באַרירט יעדעס יידישע האַרץ מער ווי די באַטייליקטע דאָרטן איצט אויף דער „יונאָ“־זיצונג אין אַמעריקע; אַזוי, אַז מען קאָן זיך דאָך נישט אַזוי ליטעראַריש־לייכט אַרויסדרייען פון דעם גאַנצן ענין, אים לגמרי נישט צו באַרירן, און זאָל עס זיין פון וועלכן נישט איז אופן אָדער שטאַנדפּונקט.

איז טאַקע נויטיק גראָד יעצט, ווען דער פּאָליטישער ציוניזם שטייט פאַר זיין גרויסן נצחון, צו דערמאָנען, אַז דער קאַמף געגן דעם „ונהיה ככל הגויים“ פון אונדזערע גייסטלעכע און גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיי האָבן צענדליקער יאָרן געפירט געגן דעם פּאָליטישן ציוניזם (אויך צומאָל פון שטייענדיקע אינם ציוניסטישן לאַגער) איז נאָך אַלץ יענער אַלטער טראַדיציאָנעלער קאַמף, וואָס שמואל הנביא נאָך האָט אים געפירט, און מיט שטאַרקן און פּאַטערלעכן וואָרט געוואָרנט דאָס קינדלעך תמימות'דיקע פאָלק, ווען עס האָט געפאָדערט פון אים „שום תשים עלינו מלך“.

ער, דער סאָציאַל באַוואוסטער חוזה, דער וויזיע־זעער, דער מאָראַליש גייסטיקער פירער, די אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט, גרייט אַליין צו דעם געזאַלבטן קעניג, וואָס זאָל דאָס נאַאיווע פאָלק איינשפּאַנען ווי די אָקסן אינם וואָגן — וועניקסטנס, איז עס שוין אַ שטופּע העכער: פונם צוזאַמגעזאַמלטן גאָלד שמידן אַ געפּאָרעמט גאָלדענע קרוין, ווי גיסן דערפון אַן עגל הזהב...

די ווילדע מדבר שטאַמען און וואַנדער־שבטים, הונדערטער יאָרן געפירט פון האַרטע שופטים, פון שטייפע גראָד־ליניקע מדריכים, ווערן פאַראייניקט דורך אַן איינציקן קולטור־ווילן, וואָס די פירער ענטוויקלען אין זיי, און זיי וואַקסן אַריבער מיט זייערע קאָלעקטיווע באַדערפענישן די מאָראַלישע געצוימטקייט פון זייערע מדריכים און מנהיגים — וואַקסן אַרויס פון אַ הימלישע וויזיע צו אַן ערד־פאַרבונדענער רעאַליטעט.

און די בלוטיקע־רעאַליטעט, די אַוואַנטוריסטישע סיטואַציע, ווען אַ טרוים פון אַ פאָלק האַלט אין פאַרווירקלעכט ווערן, ווערט דעמאָלט אַזוי איבער־מענטשלעך גוואַלטיק אַז אַפילו דער הימלישער־זעער, דער נביא־אלוקים ווערט פעאיק צו מענטשלעכע קאָמפּראָמיסן.

דאָס איז געווען דעמאָלט ווען מיר זיינען געוואָרן צו אַ פאָלק, און דאָס איז אויך היינט־צו־טאָג, ווען מיר ווילן בלייבן לעבן ווי אַ פאָלק...

ווי לאַנג איז עס דען ערשט, ווען מיר האָבן געמוזט קעמפן פאַר דעם וואָרט פאָלק, — אַז מיר יידן זיינען אַ פאָלק! — (אַז מיר זיינען נישט קיין רעליגיעזע סעקטע, צי עפּעס אַ כאָפּטע ציגיינער גאָר) איז עס נישט געווען ערשט אונזער מאָדערנער קולטור און ליטעראַטור, וועלכע האָט אונזערע אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יידישע שטעט און שטעטלעך, פאַרבונדן מיט אַ כריתת־ברית־קניפּ, אין אַ גייסטלעך גייסטיקן סאָציאַלן קאָלעקטיוו? זיינען מיר נישט אַקאָרשט, — אָט־ערשט פאַר אונזערע אייגענע אויגן! — אַרויסגעוואַקסן פון אונזער פאָלקסטימלעכקייט צו אַ פאָלק? ווי לאַנג איז עס ווען די שמאָלע משכילישע שטשעסטקע פון „ואדם בצאתך" האָט שיער נישט די גאַנצע פאַרביקע פלאָראַ פון אונזער פאָלקלאָר־גאָרטן אויפגעפרעסן מיט אירע ווערימדיקע קרייטעכצער...

זיינען עס נישט ערשט די שטעט און שטעטלעך פון אונזערע מאָדערנע קלאַסיקער פון וועלכע עס האָט זיך ערשט געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַ יידישע מלוכה — אַ יידן שטאַט?

אפשר האָט דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום ערשט נויטיק געהאַט אַ מאָדערנע „ראַסן־טעאָריע", בכדי צו וועלן ווערן אַ פאָלק... מיר זיינען עס שוין געווען אין וואָלאָזשין נאָך פאַר ביאַליקס „צער און צאָרן" און אין קוטנע נאָך פאַר אַש׳ס פּאַטעטיש פאָעמעדיק שטעטל.

מיט אַזאַ מעטאָדיש־געאָרדנטער מקום תורה ווי אַ וואָלאָזשינער ישיבה, מיט אַזאַ פיקחותדיקן שר־התורה ווי אַ רבי יהושועלע קוטנער, ווערן יידישע שטעט און שטעטלעך איין גרויסער גייסטלעכער קאָלעקטיוו, וואַקסט און ס׳ווערט צייטיק אַ גייסטיק סאָציאַל פאָלק מיט אַ מאָראַליש לויטערן ווילן און מיט שטאָלענעם האָראָפּאַשנעם כוח צו אַרבעט, צו שווערער עבודה.

.2

אַז מיט 50 יאָר צוריק זיינען כמעט אַלע אונזערע רבנים און רביים גאונים און צדיקים געווען די אויסגעשפּראָכענסטע געגנער פונם ציוניזם, איז עס זיכער געווען די פינסטערע וויזיע, וואָס האָט זיך זיי באַוויזן און דער ווילן בכל אופן לעבן בלייבן־אינסטינקט, וואָס זיי האָבן דערפילט — גאונות און קדושה איז וויזיע, איז אינסטינקט. קדוש־השם, מסירת־נפש, דאָס זיינען הויכע ענינים פאַר יחידי סגולה! אַזוי ווי מיר בעטן על תביאנו לידי נסיון, טאָר מען זיך קודם־כל אַליין נישט ברענגען אין אַ לאַגע פון קומען אין אַ נסיון, אַפילו ווען



מ׳איז גרייט אים עומד בנסיון צו זיין, פונקט ווי מען איז נישט קיין אידעאַלער העלד, ווען מען שאַפט אַליין בידים די סיטואַציע פאַר זיין העלדישקייט — אַזאַ איינער איז גיכער אַן אַוואַנטוריסט!

אויב צוצוקומען צו דער יעצטיקער סיטואַציע, פון אַ יידישער מלוכה „דע יורע", איז ממש נויטיק געווען צו ברענגען דעם קרבן פון 6 מיליאָן יידן, אַנדערש וואָלט די קריסטלעכע וועלט מיטן רוימישן געזעץ עס נישט איינגעזען, פאַרשטייען מיר וואָס אַזעלכע גאונים ווי אַ רב חיים בריסקער, אַ ר׳ אברהם׳עלע סאָכאַטשעווער, אַזעלכע צדיקים ווי דער „שפת אמת", דער „חפץ חיים" זיינען געשטאַנען זייער ווייט פונם ציוניזם.

און ווען מיר מיען זיך צו האָבן כאָטש קוים אַ שטיקל השגה פון די וועגן פון אונזערע גייסטלעכע גאונים און צדיקים, וועלן מיר דאָך שוין פאַרשטיין אונזערע מאָדערנע גרויסע און מיסטיקער, די קלאַסיקער פון אונזער נייער ליטעראַטור. זיי, מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פרץ האָבן געזען די תרופה פון אונזער פאָלק נישט אין מלוכה נאָר אין מלאכה. און וואָלט די מאָדערנע „אינטעליגענציע־אַסימילאַציע זיך נישט ווידער אַריינגעכאַפּט אין מזרח־אייראָפּע, ווי אַמאָל מיט 100 יאָר צוריק די השכלה אַסימילאַציע, וואָלט מען אפשר נאָך געסטייעט פאַרבייצוגיין דאָס גרויסע אומגליק וואָס איז אַצינד אונז געשען; וואָלטן מיר שוין אפשר טאַקע געווען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך — דער „ונהיה ככל הגויים" וואָלט געווען אַ „דע־פאַקטאָ"־רעאַליטעט. מיר וואָלטן שוין געווען אַריינגענומען אין מיט־טעטיק אין דער פּראָדוקציע פון דער וועלט אין אַלע אירע אָפּטיילונגען און פאַכן; מיר וואָלטן אַריינגעדרונגען פון דער לייכטער פּראָדוקציע ביז אין דער שווער־פּראָדוקציע — פונם נאָדל־פאַך ביז צו דער קוילן־האַק! און אפשר וואָלטן מיר דעמאָלט דאָס גרויסע אומגליק אויסגעמיטן.

אַ שניידער מיט זיין דינעם נעדעלע, און פון זיין שניידער־טיש אַראָפּ, לאָזט זיך גרינגער און גרינגשעצנדיק אַריינבלאָזן אין אַ גאַז־קאַמער אַריין, ווי אַ קוילן־גרעבער מיט זיין שווערער האַק, און פון דער טיפער שאַכטע אַרויס — און ווען ער מוז שוין, פלעט ער צוערשט דעם קאָפּ פונם כוליגאַן! און אַ פּראָפעסאָר אויפן אוניווערזיטעט איז לגמרי גאָרנישט וואָגיקער אין זיין יחוס ווי אַ מלמד, דער לעצטער האָט ווייניגסטנס נאָך אַ שפּיציקן טייטל אין האַנט, מיט וועלכן ער קאָן זיך נאָך ווערן...

אַזוי איז אפשר צו פאַרשטיין פאַרוואָס אין לאָדזשער־געטאָ האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט די מיינסטע יידן פון פוילן, ווייל לאָדז איז געווען די האָראָפּאַשנעסטע שטאָט אין פוילן, און פאַרוואָס די לעצטע 40 טויזנט יידן אין וואַרשע, — באַשטייענדיק ס׳רוב פון שווער־אַרבעטער און קוואַליפיצירטע פאַכן מכל המינים, — זיינען פעאיק געווען צו דער גרויסער טאַט פונם אויפשטאַנד.

און אַפילו יעצט נאָך דעם אומגעהויערן אומגליק וואָס ס׳איז שוין געשען איז נאָך גאָר נישט אַזוי דער עיקר דער באַשלוס פון דער „יונאָ", — זייער „דע יורע"" קאָן קוים ווערן אַ „דע פאַקטאָ", ווען מיר וועלן זיי אַריינשפּילן אין

זייער נייע סטראַטעגישע מאַכענאַציעס! — ווי אונזער אייגענער באַשלוס צו ווערן אַ מלאכה־פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, גוט פאַרטיילט אין אַלע פראָדוקציע אָפטיילונגען און מלאכה־פאַכן.

בשעת בהלה איז אַ שניידער יוניאָן אין אַמעריקע, מיט הונדערט טויזנטער מעמבערס, נישט מער זיכערער און וואָגיקער ווי לאַטוטניקעס וואָס גייען אויף די דערפער און מאַרק־טאַנדייטערס ביי זייערע סטראַגאַנעס...

און איז דען פאַר קיום האומה מאַסן שמד נישט שענדלעכער ווי מאַסן מאָרד! און לויערט עס דען נישט אויפן אַמעריקאַנישן יידנטום יעצט, פונקט ווי פאַר הונדערט יאָר צוריק ס׳האָט געלויערט אויפן מערב־אייראָפּעאישן יידנטום? דער אַנדער האַלבן פראָצענט יידן־האָראָפּאַשניקעס, וואָס איז נאָך געווען אין פאַר מלחמהדיקן מערב אייראָפּע, פונקט אַזויפיל איז אויך געווען דער פּאָטענציעלער כוח פון מערב אייראָפּעאישן יידנטום — ווי גענוי אונזערע גייסטיק גרויסע האָבן דאָס געזען.

אַזוי־אָ מוזן מיר פאַרשטיין און באַנעמען „א־פּאָליטישן“ בליק פון אונזערע קלאַסיקער! וואָרעם אַפילו אין פּאַלעסטינע, אויף אונזער אייגענער ערד, אויב מיר וועלן דאָרטן אַהין ציען ווי די סוחרים ישמעלים ומדינים, מיטן אויג צו ווערן יעצט די גרויס־סוחרים פונם אָריענט, ווי די מיטפּאַראינטערעסירטע גרויס־פּאָליטיקער אין די „אויל־טראַסטן“, וועלן מיר נישט בעסער אָפּשניידן, ווי מיר האָבן אָפּגעשניטן אין אייראָפּע...

.3

אונזערע גייסטלעכע און גייסטיקע מנהיגים, די באַשאַפער פון אונזער גייסטיק פאַראייניקנדיקן קולטור־ווילן, דער באַלעבנדיקער חוט השדרה אין אונזערע עצמות היבשות, פאַרקניפּנדיק אונז ווידער אין בונד פון אַ פאָלק, זיי, אונזערע גרויסע פערזענלעכקייטן מיט עכטן חוש און וויזיע פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און עטישן אחריות האָבן אונז געוואָלט באַשיצן פאַר דעם וויסטן און ווילדן אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם פון דעם 19טן און 20טן יאָרהונדערט, ווי דער אב־נביאים האָט געשיצט די געצעלטן פון יעקב מיטן עמוד הענן אין דער מדבר — — —

אָ, אונזער היינט־צו־טאָגיקער: „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן“...

און אפשר איז זיי, אונזערע גאונים און קדושים וויזיאָנערן, פונקט ווי אונזערע מאָדערנע גייסטיקע שאַפער ליבער געווען דער אייביקער עני ורוכב על חמור, איידער צו זען אונזער פאָלק מיט־באַטייליקט און פאַרקניפּט אין דעם פינסטערן אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם, אַן איינגעטונקטער אין כלי זיין ביז איבער די אויערן, און אין רציחה און בלוט ביז איבער די קני.

אויב גערמאַניש „אידעאַלער“ און „פילאָזאָפישער“ נאַציאָנאַליזם מיינט טעכניזירטער דייטשער סאַדיזם! אַזאַ „ונהיה ככל הגויים“־אַמביציע, זיינען מיר אים מוחל מיט קנין און מיט מנין — אַפילו, ווען דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק (די באַליבטסטע פראַזע פון ציוניסטישע מטיפים און מאַסן־רעדנער...) איז שוין אַריינגעצויגן געוואָרן אינם קרייז פונם „אויפגעוואַכטן“



אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם.

אויב פּאָליטיק הייסט באַלפור־דעקלאַראַציע: אַריינוואַרפן דאָס באַאיווע יידישע פאָלק אין אַ קאָנוואולסיע מיט פרייסישן מיליטאַריזם, און מיטן זיג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונז שוין פאַרקויפן פאַר אַ שעיר־לעזאזל פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, און בכל־אופן אונז קודם אויסליפערן צו גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריומס, און איצט דעם יתר־הפליטה אונזערן שוין אונטערצינדן פאַר אַ דריטע וועלט מלחמה....

יאָ, אויב דאָס הייסט רעאַל פּאָליטיק, אויב דאָס הייסט מלכות איז — „בקהלם אל תחד כבודי!“ איז גלות קענען דערטראָגן גרעסטע התגלות! דאָס־אָ איז געווען דאָס זעערישע פון אונזערע גייסטלעכע און גייסטיקע פירער אין מזרח־אייראָפּע.

אָבער, אפנים, מאַסן פּסיכאָלאָגיע איז שטאַרקער ווי חזיון פון פערזענלעכקייטן, ווי דער „קול־העם“ איז הילכיקער, אפנים, פונם „קול שדי“...

אָ, די בלוטיקע רעאַליטעט, די אַוואַנטוריסטישע סיטואַציע, ווען אַ טרוים פונם פאָלק האַלט ביים פאַרווירקלעכט ווערן...

און איז דען עפּעס אַנדערש נאָך איצט אונז געבליבן, די איינציקע מעגלעכקייט צו קענען נאָך האָפן און גלויבן אין אונזער ווייטערן קיום, ווי די טרייסט: אויב די שוואַרץ־זעעריי פון די נביאים איז אַזוי געוואַלטיק מקוים געוואָרן, איז דאָך אויך צו האָפן און צו גלויבן, אַז דער „באחרית הימים“, וואָס זיי האָבן אונז נביאות געזאָגט, וועט אויך מקוים ווערן?

דאָס איז נישט קיין קאָמפּראָמיס פון לייכטזיניקן אויסקלויבן דאָס לייכטע, ס׳איז די לית־ברירה פון געטריבענע אין פינסטערסטער פאַרצווייפלונג.

נאָכדעם ווי דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום איז פאַרטיליקט געוואָרן האָבן מיר, לעת־עתה, קיין אַנדערע ברירה נישט! אויב די רעזערוואָרן פונם גאונים און צדיקים און שעפערישן עמך־יידנטום האָט אויפגעהערט „דע פאַקטאָ“ האָבן מיר קיין אַנדערע ברירה נישט ווי די „דע יורע“ מלוכה אונזערע אויסצוקעמפן, אַפילו, ווען די אייל־רעזערוואָרן אין מיטל־מזרח־אַזיען זאָלן זיין אָנגעצונדן פאַר אונז אין נייע בענגאַליש־פּאָליטישע אויטאָ־דעפעען.

עס איז שוין קיין אַוואַנטורע נישט מער אַצינד, ווייל מיר האָבן נישט מער סיי ווי סיי וואָס צו פאַרלירן — עס איז שוין מקוים געוואָרן דער גמרא מאמר: „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה הנשמה שבגוף!“ אונזערע זעקס מיליאָנען אומגעקומענע קדושים זיינען צומאָל מיט דעם אַליין שוין קדושים, ווייל זיי זיינען אומגעקומען ווי אַ יידישער קאָלעקטיוו, אַ גייסטלעך און גייסטיקן כריתת ברית פון אַ געמיינשאַפטלעך יידישן קולטור־ווילן — ס׳איז געווען „יצאה נשמתם באחד! בשעת אַ טייל פון אונזערע געבליבענע אַסימילירטע „אינטעליגענציע“ שטייען שוין פאַר גאַנץ אַנדערע געפאַרן... און עס האַנדעלט זיך אויך יעצט אין מיליאָנען!....

מיר האָבן שוין גאָר נישט מער צו פאַרלירן אין אונזער סיטואַציע יעצט ווי מיר שטייען — דער אַוואַנטוריסטישער קאַמף אַליין איז שוין גרעסטער

נצחון! (אַפילו ווען צומאָל, פאַר אַ ווייטערדיק גלות־יידנטום, בכדי, די כמעט שוין פאַרלוירענע יוגנד פאַר אונז, מיט אַזאַ מין התלהבות באַגייסטערונג כאָטש פעסטצוהאַלטן...) דאָס פאַראַמעריקאַנישט אַסימילירטע נאַציאָנאַלע יידנטום, דער פאַרהעברעאישטער פאַלעסטינע ישוב צוזאַמען מיט די עולים־שארית־הפליטה מוזן אַדורכמאַכן די פייער־פּראָבע פון אַ יידישער מלוכה, ווייל דאָס פאַרסאָוויעטישט אַסימילירטע יידנטום אין רוסלאַנד און דער שארית הפליטה אין איצטיקן באַפרייטן פוילן, מוז נאָך אַדורכגיין די פּראָבע פון צו זיין איינגעגלידערט אין אַ ריכטיק פאַרטיילטע פּראָדוקציע — די אַסימילאַציע „אינטעליגענצע" פרעסט נאָך אַלץ אונז אויף ווי ווערעמדיקע קרייטעכצער! דערפאַר איז דער קאַמף נאָך אַלץ אַ צווייענדיקער: מלאכה־מלוכה! אָבער די תרופה, וואו מיר זיינען און בלייבן לעבן ווי אַן איינהייטלעך פאָלק, מיט אייגענעם גייסטיקן קולטור ווילן, איז אַלץ נאָך אַן איינציקע, די וואָס אונזערע גרויסע האָבן איר געזען און צו איר אַהינגעצילט. דער שווער־פּונקט פון יידישן פּראָבלעם איז נאָך אַלץ נישט בעיקר אַ „יונאָ"־ענין, נאָר סוף כל סוף אַן אייגענער, אַן אינערלעך פאַרטיפטער, אַ טיף־ווייטאָקדיקער.

---

## יהודה האזרחי*

## מיינע חברים

אין אָוונט, אין די שטילע, רויטלעכע בין־השמשות־שעה'ן, האָב איך מיך אומגעקערט אין געצעלט אַריין, אַראָפּגענומען פון מיר דאָס געווער און דעם מונדיר. אָט אין יענע שעה'ן האָט עס פּלוצלינג גענומען רוישן אין לאַגער מיט אַ לוסטיק לעבן. פון אַלע זייטן האָבן גענומען קומען לאַסט־אויטאָמאָבילן באַלאָדן מיט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך איצט אומגעקערט פון זייער וואַך אויף ווייטע פאַרפּאָסטנס, כדי זיך איבערצוטון און אויסצורוען. אַפילו מיין געצעלט, וואָס איז געווען ליידיק און עפּעס נישט פריילעך, מחמת די שאָטנס פון זון־אונטערגאַנג, האָט מיט אַמאָל זיך אויפגעכאַפּט דורך דעם רעש וואָס די חבריא האָט אָנגעמאַכט מיט זייער רעדן, אומקערנדיק זיך פון זייער דינסט, און הויך אויפן קול באַאורטיילנדיק די נייע געשעענישן. מען האָט אָנגעצונדן די לאָמטער. אייניקע בחורים האָבן גענומען רייניקן זייערע ביקסן און ברענגען אין אָרדנונג זייערע זאַכן. אַנדערע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זייערע הילצערנע געלעגערס, און געגענעצט אַקייגן דעם אַש־גרויען לייוונט.

איך האָב מיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער. זיי האָבן אויסגעזען גוטע, שמייכלענדיקע פּנימער אין דעם ליכט־און־שאָטן שפּיל פון דער אָרימער לאָמטער. אַזוי פּלוצימדיק איז געווען זייער פאַרזאַמלען זיך פון אַלע עקן פון די פאַרפּאָסטנס, און אַזוי מאָדנע האָט אויסגעזען די פּלוצימדיקע שפּע פון לעבן, וואָס האָט אַ שטראָם אַריין געטון אין דעם שטילן, האַלב־פינסטערן געצעלט — אַז זייער פאַרזאַמלען זיך איז מיר פאָרגעקומען סימבאָליש. איך האָב מיך



גוט איינגעקוקט אין זייערע פּנימער, און עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז — צופעליק אָדער נישט מעשה צופאַל — יעדער איינער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרענדיקטע רייע געשעענישן אין דעם יונגן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דאָס זענען נישט בלויז אינדיווידן, וואָס יעדנס לעבן און גורל האָבן בלויז אַ שייכות מיט אים, נאָר כחות פון לעבן און בענקשאַפט — אַ דור אַ יונגער, וועלכער האָט זיך געבויט און איז אויפגעשטאַנען אין לאַנד. און נישט נאָר די געשעענישן פון זיין לעבן און זיין כאַראַקטער, נאָר זיין עצמדיקע אַנוועזנהייט דאָ איצט — אין דעם מיליטערישן געצעלט, וואָס ווערט באַגאָסן פון אַ שוואַכער שיין פון אַן אָרימער לאָמטער — כאַראַקטעריזירט אים און דעם דור, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

### 1. שמריהו

שמריהו, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פוילן, האָט איינגעזאַפּט אין זיך די ליבשאַפט און די ערשטע בענקענישן צו ארץ־ישראל ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד אין חדר, און געשריבן האָט ער זיין ערשט מליצה־ליד — אַ שיר צום לאַנד פון די אבות, געשריבן אינם סטיל פון יהודה ליב גאָרדאָן — ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף. אַפילו שפּעטער, ווען ער האָט שוין געלערנט אין דער פּוילישער גימנאַזיע, איז אים דאָס העברעאישע לשון געווען ווי אַ געליבטע מוטער־שפּראַך, וואָס נאָר דורך איר קען ער אויסדריקן די טיפע געפילן און סענטימענטן פון זיין האַרץ. און זיין לעבנס־וועג, הגם פאַרבונדן מיט אַ שטראָם אויסערלעכע געשעענישן, איז אָבער דאָך געווען אַנטשיידן באַשלאָסן אין הסכם מיט די בענקענישן פון זיין יוגנט. שמריהו איז געווען זער טאַלאַנטירט, געהאַט אַ שאַרפן מוח און זיך געפלייסט אין זיינע לימודים, אַזש צום באַוואונדערן. פּונקט ווי ער האָט געקענט אַוועקלייגן אַ לאַנגן דף גמרא אַ שווערן אַזוי האָט ער זיך געקענט פאַרטיפן אין די וועלטלעכע לימודים פון דעם גימנאַזיום און דער אוניווערזיטעט: האָט געלערנט אייראָפּעאישע שפּראַכן, געלייענט און זיך פאַרטיפט אין זייערע ליטעראַטורן, זיך געראַנגלט מיט די פילאָזאָפישע לערעס און די עקסטרעמע טעאָריעס פון דער סאָציאָלאָגיע. ענדיקנדיק זיינע שטודיען, האָט ער געפונען, אַז די טויערן פון אייראָפּע שטייען אָפן פאַר אים: ווי אַ באַגאַבטער זשורנאַליסט, מיט גרויסער קולטור און טיף וויסן האָט ער גענומען פאָרן פון לאַנד צו לאַנד, זאַמלען איינדרוקן, פאַרטיפן און אויסברייטערן זיינע קענטענישן, פאָרשן אַלטערטימלעכקייטן און מוזייען, אויסשטעלונגען און ביבליאָטעקן, אַרומגעשפּאַצירט איבער גאַסן, איבער קווארטאַלן פון אָרימקייט, איבער פּאַלאַצן, באַגעגנט זיך מיט כלערליי מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע וועלט־אַנשויאונגען און האָבן אויסגעטרעטן פאַר זיך אַ וועג אַן אייגענעם אין לעבן — און ער האָט זיי באַשריבן און געלערנט פון זיי אַלע. און אַזוי אַרום איז ער, שמריהו, געוואָרן אַ „וועלט־מענטש", אַן אייראָפּעער, אַ באַגייסטערטער רייזנדער, וואָס דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז אַ געוועב פון איינ־

דרוקן אָן אַן אויפהער, אַ מענטש פון ביכער, וואָס גרויסע ליטעראַטורן זיינען אים צוגענגלעך, וואָס אַלץ וואָס געשעט אין אָט דער גרויסער וועלט איז אים באַוואוסט.

נאָר מאָדנע: די צויבער־קראַפט פון דער „גרויסער וועלט" האָט נישט געקענט ביישטיין דעם שפרוך פון די לימודים אין חדר. און נישט געקוקט וואָס מען האָט שמריהו'ן פאָרגעשלאָגן מיטצואַרבעטן אין אָנגעזעענע צייטונגען פון פרעמדע לשונות, האָט ער זיך אָפגעקערט דערפון און פאַרבליבן צוגעבונדן צו דער יידישער פרעסע, אין פוילן. אַ סך שפראַכן זענען אָן ספק וואויל־קלינגענדיק און רייך אין ניואַנסן, און ער האָט זיי גרינטלעך באַהערשט, אָבער — אויב ער האָט טאַקע געוואָלט עפעס אויסדריקן מיט דער געהעריקער ערנסטקייט, וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן, האָט ער געקענט טון נאָר אויף העברעאיש. און האָט ער געוואָלט דערציילן אַ שיינעם וויץ, וואָס דער הומאָר גיט אייך אַ קיצל, אַזש צום אונטערשפרינגען, האָט ער דאָס געקענט נאָר אויף יידיש. מיט זיין גאַנצער ליבשאַפט צו עקסקורסיעס און רייזעס, צו באַגעגענונגען און אויפנאַמעס, איז ער געווען איינגעשפאַנט מיט די סטרונעס פון זיין האַרצן נאָר צו איין איינציקער זאַך: צום יידנטום אין פוילן. און די לעבנס־בילדער, וואָס האָבן אים אַממייסטן געריירט, זענען נישט געווען דאָס קאַפיטאָליום און דער לוווער־פאַלאַץ און דאָס בריטישע מוזעאום — נאָר די יידישע מאַרק־געסלעך אין וואַרשע. און „דאָס פוילישע יידנטום" איז פאַר אים געווען אַ באַגריף מיט אַן איינציקאַרטיקן באַטייט. ער האָט אין דעם נישט געזען קיין גלות־קיבוץ פון מיליאָנען יידן אין עפעס אַ פרעמד לאַנד, נאָר אַ געפעס, אַ שמעלץ־טאָפ פאַר אַ וואונדערלעכער באַוועגונג פון אַ פאָלק, וואָס באַנייט זיך, אַ לאַנד, צו וועלכן עס בענקט זיך. און הגם שמריהו האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו פילן דעם טעם פון אַנטיסעמיטיזם אויף זיינע אייגענע פלייצעס, איז ער דאָך געווען אַ באַגייסטערטער און איבערגעגעבענער ציוניסט. פאַר אים איז דער ציוניזם נישט געווען קיין פראָבלעם, נאָר אַן אינסטינקטיווע זאַך, אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. אין אָט דעם ליכט פונם ציוניזם, וואָס איז אים געלעגן אינם בלוט, האָט ער געזען דאָס „פוילישע יידנטום" אין זיין גאַנצער גרויסקייט: אַ שטאַרק יידנטום און פילפאַרביק, וואָס קריסטאַליזירט זיך אויס טריט ביי טריט אַרום איין אידעאַל: עליה קיין ארץ־ישראל; וואָס שטייגט אַריבער די רייכקייט און די אָרימקייט, די פרייד און דעם טרויער פון די טיפישע יידן צו דעם פאַרצייטיקן פאָטערלאַנד, וועלכעס באַנייט זיך, אויפן מזרח. אַ בילד פון זיין קינדהייט, וואָס האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט ביי אים אין זכרון, איז געווען, ווי המונים יידן, יונגע און אַלטע, אָרטאָדאָקסן מיט לאַנגע קאַפאָטעס און חסידים אין ווייסע זאָקן, „פריידענקער" אין קאַפעלושן און יוגנטלעכע אין שטיוול און מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל — פאַרזאַמלט אין טויזנטער און אין צענער טויזנטער אויף באַן־סטאַציעס, באַגלייטנדיק מיט פייערלעכקייט און גליק־וואונטשן אַ גרופע חלוצים, וועלכע פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי זיך דאָרט צו באַזעצן. מיט פאַרצייטיקע ספר־תורות, מיט טענץ און געזאַנג, באַגלייטן זיי דאָס קליינע



הייפעלע עולים; און ווען דער צוג רירט זיך פון אָרט, ברעכט אויס דער גאַנצער עולם מיט זינגען „התקוה", דאָס וואונדערלעכע ליד, וואָס שמריהו האָט אַממערסטן געהערט פון קינדווייז אויף.

אָט דערפאַר האָט שמריהו געקוקט אויף „דער גרויסער וועלט" ווי אויף אַ צייטווייליק שפילצייג, אָדער בעסער געזאָגט — ווי אויף אַ שולע, אין וועלכער מען דאַרף אַ סך לערנען, און נאָך דעם ווי מען האָט שוין געלערנט וואָס מען האָט זיך אויסגעקליבן, דאַרף מען זיך אומקערן אַהיים. און אַז ער האָט מוותר געווען אויף די אָנבאָטן פון די פרעמד־שפראַכיקע צייטונגען און די מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ קאַריערע — האָט ער דערויף נישט געקוקט ווי אויף אַ קרבן פון זיין זייט, נאָר ווי אויף אַ געבאָט פון לעבן פראָסט און פשוט. אַפילו זיין אָפזאָגן זיך פון דער איינפלוסרייכער פרעסע פון די יידן אין פוילן און פון דער יידישער שפראַך איז — מיט זיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל — געווען פאַר אים אַ געבאָט פון דעם געוויסן זיינעם. און ער האָט זיך געפילט גליקלעך אין זיין אַרבעט אין לאַנד, הגם דער ישוב איז נאָך דעמאָלט געווען קליין און דאָס געדרוקטע וואָרט האָט זיך נישט זער פאַרשפרייט; גליקלעך מיטן אויפגעוועקטן לעבן, מיט די טאָג־טעגלעכע ירידות און עליות, מעלות און חסרונות און מיט דעם אַלגעמיינעם ווידער־אויפבוי. און אַזוי אַרום איז פון אים געוואָרן אַ זון פון ישוב, וואָס באַטייליקט זיך אַקטיוו אינם לעבן פון לאַנד, וועלכער גיט אַרויס פון זיך די גאַנצע שפע און דאָס וויסן וואָס ער האָט איינגעזאַפט אין זיך אין די פרעמדע לענדער, און וואָס קעמפט אויפצובויען פון דעם תוהו ובוהו פון קיבוץ־גלויות עפעס, נאָך נישט קאָנקרעטעס, וואָס מען קען עס דעפינירן אַלס ארץ־ישראל'דיקע קולטור.

אָט דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. און אַז זי האָט אויסגעבראָכן זענען געשעען זאַכן, וואָס די גרויזאַמסטע פאַנטאַזיע איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַגרייפן. אַ מאַסן־מאָרד אַ שרעקלעכער, אַקייגן וועלכן די מיטלאַלטערלעכע גרויזאַמקייטן זענען געווען אַ קינדער־שפיל, האָט גענומען בושעווען און אָפליקן די לויטערע נשמות פון יידישע קינדער, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער אַריין אין מיטן ווינטער, פון פרויען און זקנים, פון מענער, וועלכע האָבן געזוכט שוץ און זיך געראַנגלט אָן געווער אין זייערע הענט — און אומגעקומען אין זייערע צענדליקער טויזנטער דורך די הענט פון שונא, וועלכער איז געווען צוגעגרייט און גוט אָרגאַניזירט אין זיין דורשט נאָך בלוט און אין זיין יאָגן זיך נאָך מאָרד. דאָס פוילישע יידנטום — דאָס גרויסע מיליאָניקע יידנטום, וואָס איז געווען רייך אין פאָלקסטימלעכקייט און פאָלקלאָר, דער מעכטיקער שמעלץ־טאָפ פאַרן ציוניזם און פאַרן אויפבוי פון אַ היימלאַנד פאַר אַן עלנט און געפייניקט פאָלק, וואָס זוכט שלום און שטרעבט צו באַנייאונג — אָט דאָס יידנטום איז פאַרטיליקט געוואָרן אין אַ קורצער צייט אין די קאָנצענטראַציע און שקלאַפן־לאַגערן, אין די געטאָס, אין די וועלדער; דורך מאַשין־געווער און דורך גאַז־קאַמערן. אַ גאַנץ יידנטום איז פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

שמריהו האָט איבערגעלעבט אָט די דאָזיקע אויסראָטונג מיט יעדן אָדער פון זיינע אָדערן און מיט יעדן קעמערל פון די קעמערלעך פון זיין הויט. עס איז פאַר אים געווען אַ פּיין, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן. עס איז נישט געווען נאָר אַ ריין פּערזענלעכע פּיין, ווען די ידיעות זענען אָנגעקומען, אַז זיינע עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין זייער אַלט הויז, אַז איין ברודער זיינער איז אומגעקומען פאַרטיידיקנדיק דאָס וואַרשעווער געטאָ און דער צווייטער ברודער — „ווייסט מען נישט וואו ער איז אַהינגעקומען", „ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אַן אומבאַקאַנט אָרט". דער פּערזענלעכער ווייטאָק האָט גענאָגט און איז געווען מוראדיק און שמריהו האָט זיך פּלוצלינג דערזען איינזאַם און עלנט אין דער וועלט — אָן משפּחה, אָן אַ ברודער און אָן אַ קרוב. דער ווייטאָק איבער דער אויסמאָרדונג פון אַ גאַנץ יידנטום איז פאַר אים געווען זיבן מאָל אַזוי ביטער. און שמריהו, וועלכער איז געווען צוגעבונדן צו אָט דעם יידנטום מיט די פיינסטע סטרונעס פון זיין נשמה, וואָס זיין שפּילעוודיקער הומאָר און אַלע זיינע האָפענונגען זענען געווען געקניפּט נאָר מיט דעם פּוילישן יידנטום, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ פונדאַמענט און ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון זיינע חלומות פאַר דער צוקונפט — ער, שמריהו, איז איצט איבערגעבליבן פאַריתומט און אַליין.

דאָס ביסל וואָס ער האָט געקענט, האָט ער געטון: איינגעפּאַקט זיינע פּאַפּירן און ספרים אין גרויסע קאַסטנס, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט אייזן; באַהאַלטן די פּול־פּעדער, וואָס דער טינט אירער פלעגט אַמאָל זיך פאַרטריקענען ביי אים אויף אַ נאָגל, אין די טיפענישן פון אַ שופלעדל; איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין מיליטער. און דאָס לעבן, כידוע, איז זיך געגאַנגען מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג, די טרויער איז נישט אומשטערבלעך. די סאָלדאַטן, יונגעלייט וואָס דאָס בלוט שטורמט און שטראָמט אין זייערע אָדערן, האָבן געלאַכט און געווען לוסטיק, אַפילו ווען זיי האָבן געזען אַ פאַרוויסט לאַנד, אַפילו ווען זיי אַליין זענען געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט. און שמריהו האָט זיך אָנגעשטעקט מיט זייער פריילעכקייט, מיטגעלאַכט אויף זייערע הלצות, מיטגעזונגען אין זייער געזעלשאַפט, זיך געקריגט מיט זיי טיילמאָל איבער טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן און געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז איינער פון זיי. איבער דעם ווייטאָק אָבער וואָס האָט אים גענאָגט טיף אין האַרצן, האָט ער גאָרנישט גערעדט, נאָר זיך באַמיט אים צו פאַרשליסן, צו באַהאַלטן, אַז ער זאָל זיך נישט אַנטפּלעקן פאַר קיין שום פרעמד אויג. אַ וואַנט פון שווייגן האָט פאַרהוילן די אמתע געפילן זיינע אין די טיפענישן פון זיין וועזן.

און נאָר אין אָט אַזעלכע מינוטן, אין מינוטן פון מידקייט נאָך אַ האַלטן וואַך, ווען די גאַנצע חבריא פאַרזאַמלט זיך אין געצעלט און דאָס קליינע לעמפּל וואַרפט אַ שוואַכן שיין אויפן לייוונט, וואו מען זעט מער שאָטן ווי ליכט — זע איך פּלוצלינג שמריהו'ס ווייטאָק אַנטפּלעקט און אַנטבלויזט. אַרום און אַרום באַמיט זיך די חבריא אַוועקצולייגן זייערע זאַכן אין אָרדנונג און צו רייניקן דאָס געווער, זענען פאַרנומען און האַלטן אין שמועסן, לאַכן און ווויצלען זיך און ער — ער ליגט אויפן געלעגער, און דאָס גאַנצע גערויש דערגרייכט עפּעס נישט זיינע אויערן. די הענט האַלט ער אונטערן קאָפּ, און די גראָע אויגן זען אויס ווי איינגעהילט אין אַ נעפּל און קוקן נישט אויף עפּעס אַ פּונקט אין דער ווייטנס. איך זע דאָס פּנים זיינס מאָגער און די הוילע באַקן, זיין מאָגערן און זיין מידן קערפּער, די פאַלדן וואָס באַקרוינען זיינע שלייפן. איך זע אים שמייכלען, פון העפלעכקייט וועגן, איבער אַ חברס אַ וויץ, וועלכן ער האָט אַפילו נישט אויסגעהערט — און איך האָב דאָס געפיל, אַז דער ווייטאָק, וואָס ליגט אין אים טיף באַהאַלטן, איז אַ נאָגנדיקער און אַ שרעקלעכער ווייטאָק.

פון העברעאיש.

מנחת כהן ** (אין דייטשלאַנד אין דער ענגלישער צאָנע)

## וועכטער-ליד

ווי אַן אונטערגעשאָסן קליינטשיק עוף
איינגעוויקלט אין בלוטיקע זעק
שיכור פאַרשלאָפן אין שמוציקן ראָוו
ליגסטו פאַרוואָרפן, אין וועג ביים ברעג...

אין גאָלדענעם בעכער, שוימענדיקן ווין
זעסטו אין שלאָף פאַרבלאָנדזשעט אין חלום
די שוימען־פּערלען אין זילבערנעם שיין
זיי צינדן אין פלאַם, פאַר'כשופט דיין פּנים...

דערוואַך דיך פון שלאָף, זע וואו דו ביזט
וויש דיר אויס די פאַר'חלומ'טע אויגן
זע ווי פאַרשמוצט איצט ביזט דאָס אומזיסט
די זון האָט זיך אויך פון דיר פאַרבויגן...

דערוואַך דיך אַצינד פונם שיכורן שלאָף
פאַרבלענדט האָט דיך דער שוימענדיקער ווין
דערהויב דיך שנעל פון דעם שמוציקן ראָוו
וואַש זיך אויף זויבער, און גייזשע אַהיים!....

משה עובד

# דערפארונגען אין רויטן קרייץ

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

אין חודש אַפּריל 1940 האָט דער רויטער קרייץ מיך פאַרבעטן צו קומען צו זייערע צענטראַל אָפיסעס, צוויי מאָל אַ וואָך, צו אַסאָרטירן דאָס צירונג וואָס די באַפעלקערונג פון גרויס בריטאַניע און פון דער אימפּעריע האָט זיי צוגעשיקט מיט יעדער פּאָסט.

פאַר פיל טויזנטער פונטן פלעגט קומען יעדע וואָך, און איך האָב עס אַסאָרטירט אין פאַרשידענע גרופּען. ניט חלילה געמאַכט אַ „סעלעקציע" מי לחיים ומי למות... נאָר וואָס פאַר אַ זאַכן צו שיקן צו פאַרשידענע ליציטאַציעס און וואָס פאַר אַ זאַכן צו די רעפינירערס פון גאָלד, זילבער און פּלאַטינום.

דאָרט אָפּגעאַרבעט איבער אַ יאָר, ביז ס'צירונג איז געוואָרן אַזוי טייער אַז מ'האָט ווייניק וואָס געדאַרפט שמעלצן. אַלעס האָט געבראַכט מער ווי דעם שמעלץ פּרייז און מיין הילף איז מער ניט געווען נויטיק.

די אַרבעט, ווי יעדער וואָלונטיר אַרבעט פאַר אַ גוטן צוועק, האָט אַביסעלע געהיילט מיין נשמה און געלייטזעליגט מיין גייסט. אויך דאָרט ערוואָרבן גוטע האַרציקע פריינט. און ווייסנדיק אַז יעדע פּעני גייט פאַר היילונג האָב איך געקוקט אויף די אבנים טובות ומרגליות און אויף דעם צירונג ווי אויף רפואה־טראָפּענס און גאָלדענע באַנדאַזשען.

איי,·ווען אהרון הכהן וואָלט גענוצט דאָס גאָלדן־צירונג פאַר היילן די נשמה פון פאָלק, וואָס האָט מיטגעמאַכט אַ גלות־מצרים און אַ לאַנגען מדבר אַנשטאָט צו מאַכן דאָס עגל־הזהב וואָלט צו דער גרויסער מגפה ניט געקומען. אַ מגפה וואָס האָט ביז היינט נאָך ניט אויפגעהערט.

נסים האָבן אַ טבע זיך צוצוטשעפּן צו מענטשן וואָס האָבן אַ קאָנסטרוקטיווע קונסט אַרבייט צו טון. און פּאַסירט האָט עס מיט מיר באַלד אין די ערשטע טעג פון מיין באַשעפטיגונג:

ס'איז אין מיין גרויסן צימער געזעסן ביי אַ באַזונדערן טיש אַ יונגערמאַן, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו צעברעכן אַלטע זייגערלעך פון גאָלד און זילבער. דאָס מעטאַל האָט ער געהאַלטן אויפן טיש און די געווערק אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם דיל נעבן טיש.

איין פרימאָרגן קומענדיק אַריין אין שטוב, פרעגט מיך דער יונגערמאַן: „וואָלסטו געקאָנט טרעפן וויפיל געווערק דאָ איז דאָ אין קאַסטן ?"

פרעג איך אים „דו ווייסט ?"

— יאָ, איך האָב איבערגעציילט.

קלער איך ניט לאַנג און טרעף 2324 ! דעקט ער אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר און אונטן אויף אַ טעלערל איז געלעגן אַ שטיקעלע פּאַפּיר מיטן נומער 2324. איך, זייענדיק געוואוינט מער צו דעם דרך־עקלתון פון נסים, ווי צום גלייכן



דרך־הטבע בין געבליבן קאַלט און רואיק, אָבער דער בחור איז געוואָרן אין גאַנצן ערשיטערט.

עס דויערט ניט עטלעכע מינוטן און מ'קומט אַרויף צו מיר פון אַלע אָפּיסעס, צווישן זיי פילע נערסעס, די ווייס־געקליידעטע טויבן. אויך איז פונקט געווען אין הויז דער געוועזענער שני למלך פון אינדיע מיט זיין פרוי, אויך דער איצטיקער לאָרד טהאָמפּסאָן. אַלע קוקן מיך אָן מיט גרויס פאַרוואונדערונג, און זיי באַוואַרפן מיך מיט פראַגן: „וועט רוסלאַנד אַריין אין קריג? וועט אַמעריקע אַריינקומען? ווען וועט זיך די מלחמה ענדיקן?" מיר ווערט הייס און קאַלט, ווייסנדיק אַז איך קען זיי ניט ענטפערן אויף זייערע פראַגן ווייל, הגם נסים ווייסן די פאַרהוילענע וועגן צו מיר, ווייס איך אָבער ניט, ניט אַפילו דעם דרך־המלך צו זיי.

איך ווייס, איר וועט לאַכן פון דעם אַלעם. לאַכט! קינדערלעך לאַכט! איר זאָלט אָבער אויך גלויבן. לאַכט און גלויבט, גלויבט און לאַכט. איינס אָן אַנדערן איז ווי אַ הימעל אָן אַן ערד, אָדער אַ ערד אָן אַ הימעל.

ס'וואָלט אויסגעפילט אַ גאַנצן חודש־זשורנאַל צו באַשרייבן די רירנדע מאָמענטן וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלעבט. וואָלט איך אַזעלכע מאָמענטן איבערגעלעבט שרייבנדיק מיין פּאָעזיע, וואָלט איר אַלע געהאַלטן פון מיר פיל מער! און איך וואָלט זיך ניט געדאַרפט אַליין רימען.

הערט אַ געשיכטע! איינמאָל קומט אַריין אַ קראַנקען שוועסטער, זי איז געווען דער ליכט־טורם פון דער גאַנצער אינסטיטוציע. זי האָלט אַ שוואַרצע טאַץ, ווי אַ קוואַטער, און אויף די טאַץ ליגן דרייסיק אַלטע זילבערנע זייגערלעך, זילבערנע „ציבעלעס". אַ מתנה פון דרייסיק נאָנעס פון אַ קלויסטער.

איך האָב דאָך שוין עפּעס געזען זייגערלעך, אין מיין עקס־זייגערמאַכערישער קאַריערע, נאָר אַזאַ ליבער, ווייכער גלאַנץ, וואָס האָט געשימערט פון די זייגערלעך האָב איך נאָך ניט געזען. זיי זיינען אַלע געווען איבער הונדערט יאָר אַלט, און חכמה האָט געשיינט פון זייערע פּנימ'ער. איך האָב זיי אַלע פאַר'משפט צום שמעלץ־טאָפּ, ווייל פאַר צייט האָבן זיי שוין ניט געהאַט קיין ווערט, אָבער פאַר דער אייביקייט האָט זייער ווערט ערשט אָנגעפאַנגען. און דאָס געלט וואָס די זייגערלעך האָבן רעאַליזירט האָט דאָך געמוזט קענען היילן, ס'האָט זיך ניט געקענט העלפן!

* * *

צוויי מאָל אַ וואָך איז דער לאַנגער ברייטער טיש געווען אַ מזבח אָנגעלייגט מיט קרבנות פון די רייכסטע און אָרימסטע פון פאָלק.

איין פרוי האָט געשיקט פינף חופּה וקדושה רינגעלעך, איר אייגענס, און פון פיר דורות פאַר איר.

טויזנטער פרויען האָבן געשיקט זייער לעצט שטיקל צירונג און הייליקסטע מעמענטאָס.

איין מאַן האָט געשיקט עטלעכע וואָרטלאָזע אייזערנע שליסעלעך, שרייבנדיק אַז ער האָט שוין אַלעס אַוועקגעגעבן און דאָס איז ס'לעצטע.

און איינער האָט געשיקט אַן אַלטן לאַטייניש־העברעאישן תהלים און צווישן יעדן בלאַט איז געלעגן אַ דינער בלאַט פון ריינסטן גאָלד.

אויך דאָס האָב איך פאַר׳משפּט צום שמעלץ־טאָפּ, ווייל ס׳גאָלד האָט זיך געקלעבט צום תהילים און דער תהילים צום גאָלד, זיי האָבן זיך ניט גע־וואָלט שיידן, ביידע האָבן צוזאַמען געוואָלט דינען די עבודת הקודש פון היילונג.

* * *

אַן עפּיזאָד האָט זיך אין מיר אָנגעטשעפּעט ווי אַ פּיאַווקע וויל ווערן באַ־שריבן שוין די רגע: מוז מען עס צוליב טון:

יעדער וואָך פלעגט אַריינשמעקן אין מיין רויטן־קרייץ אָפיס אַן עלטערע פרוי, מיך אָפּגעגאָסן מיט עטלעכע וואַרימע בליקן און תמיד געזאָגט: „איך וועל דיך קומען זען״. און יעדעס מאָל האָט זי דעם אַקצענט געלייגט אויף אַן אַנדער וואָרט פון די פינף ווערטער.

איין טאָג, עס איז געווען ערב־קריסטמעס (ווייַנאַכטן), קומט זי טאַקע אַריין אין געוועלב און זאָגט: „זעסט איך האַלט וואָרט. איצט זאָג מיר, האָסטו אַ פּאָר ספּינקעס?

זיי מוזן זיין גאַנץ איינפאַכע, „18 קאַראַט גאָלד״. מיין אויסוואַל פון מאַנספערשוינערישער ביזשוטעריע איז אַ זער אָרימער. הויבט מען אָן צו זוכן. אַלע מיינע געהילפן העלפן, אָבער ס׳העלפט ניט. ניטאָ! זי האַלט שוין די קליאַמקע אין האַנט; דערמאָנט זיך מיר אַז איך טראָג פונקט אַזעלכע ספּינ־קעס אין מיין אייגענעם העמד. רוף איך זי צוריק, טו אויס די ספּינקעס, רייב זיי אויף אַ לעדערל, זיי זאָלן האָבן פיר שיינע פּנימ׳לעך, און זיי זיינען פאַר־קויפטע!

האָבן מיר נס נומער איינס.

עס קריכט אַוועק אַ צע׳ממות׳ט באַליידיקט יאָר; עס איז ווידער ערב־קריסטמאַס. די זעלבע פרוי קומט ווייטער אַריין מיטן זעלבן פאַרלאַנג. און ווי־דער טו איך אויס מיינע ספּינקעס, פּאָליר די פיר פּנימלעך און ווידער פרייען זיך אירע אויגן מיט אַ יונגער פרייד.

און אַזוי דאָס דריטע יאָר.

ווען ס׳איז געקומען דאָס פערטע יאָר ערב־ווייַנאַכטן האָב איך שוין ניט געוואַרט ביז זי וועט פרעגן, נאָר האָב באַלד אויסגעטון די ספּינקעס. איז זי געוואָרן שטאַרק טרויעריק, און דערציילט מיר דורך פאַרבלינדענדיקע טרערן און פאַרקלעמטע ליפּן:

... געהאַט פיר זין. פאַר יעדן געקויפט ספּינקעס אַלע יאָר ... דער יונג־סטער מיט אַ חודש צוריק געהרגעט געוואָרן. אַ גאַנץ יאָר אויסגעקוקט צו קויפן אים ספּינקעס ... זיי מיר מוחל ... האָסט זיכער אייגענע צרות ...

* * *

די ספּינקעס האָב איך שוין מער ניט געקאָנט טראָגן אָדער פאַרקויפן און האָב זיי צושמאָלצן און פון גאָלד געמאַכט אַ פאַרוואונדעט שעפּסעלע.



## דוד זיידענפעלד

### דער לאַקאַמאָטיוו פייפט זיך אויס אויפן ווינט

אַוועק לויפן דעכער מיט שינדלן,
העמדער און ציכן צאַפּלען אויף שטריק,
ס׳וויקלען זיך וואָלקנס איין אין די ווינדלען,
די זון אויף אַ טייכל ליגט אונטער אַ בריק;
און רעדער זיך דרייען געשווינדער, געשווינדער,
הויפן פאַרשווינדן מיט וועש און מיט קינדער.

און הייזער פאַרלירן פענצטער און שויבן,
ס׳פליען שוין פעלדער מיט שאָף און מיט רינדער,
אויף טעלעגראַף־דראָטן גריסן מיך טויבן,
און קי אויף מיר קוקן ווי אויף גאָטס וווּנדער;
און רעדער זיך דרייען רוישיק געשווינד,
דער לאָקאָמאָטיוו פייפט זיך אויס אויפן ווינד.

און בערגער ווי קניען צעשפּרייטע צום הימל,
גן־עדנ׳דלעך טאָלן פאַר מיר אויפדעקן,
די רעדער זיך דרייען מיט רעש און געטימל,
פון ביימער ד׳שפּיצן ד׳וואָלקנס אָפּלעקן;
און רעדער זיך דרייען געשווינד מיט גערויש,
אַ דאָרף פליט אַוועק מיט אַ פויערטע און אַ קויש.

און לאָנקעס און פעלדער אַנטלויפן נישט דאָ,
וואו איז דאָס וועלדל אַהינגעקומען?
דער הימל פאַרוואָלקנט, דער הימל בלאָ,
אַוועק פליען גן־עדן׳ס מיט בלומען;
און רעדער זיך דרייען אַרום און אַרום,
אָקסן מיט אויגן אָנקוקן מיך שטום.

און שעפּסלעך זיך פּאַשען אונטער דער זון,
וואו אַהין האָט דער ווינט זיי געטראָגן?
אַ וואַסערל פלאַפּלט עפּעס דערפון,
און רעדער זיך יאָגן און יאָגן;
און רעדער זיך איילן אַוועק, אַוועק,
אַ לאָנקע אַ געלע אַ טייך גיט אַ לעק.

אַ קו אַ רויטע רייסט אויף די אויגן,
אַ פור מיט אַ פערד אַ פויער זיצט אויף היי,
וואו איז די קו דאָרט ערגעץ געפלויגן?
דער לאָקאָמאָטיוו פליט, פייפט אויף דער וועלט.
דער פויער מיטן פערד? פאַרשווינדן אויך זיי!
און האָזן מיט אויערן שטייף אויפגעשטעלט.

דער לאָקאָמאָטיוו פליט וועלדלעך דורך שנעל,
פעלדער און לאָנקעס לופטערן ווייטער,
אַ דערפל, אַ פויערטע שטייט אויף דער שוועל,
אַ שייגעצ׳ל אַ צונג ווייזט אַ פאַרשייטער;
אַ שיקסל, איר העמד הויבט אויף צו דער זון,
קוויקט זיך אַ טייכל מיט נחת דערפון.

און קעלבער אויף פעלדער שפּרינגען אַרום,
קי זיך פיטערן מיט פעטע בייכער,
און אָקסן קייען און קוקן אָן שטום
דעם לאָקאָמאָטיוו קוימנס גערייכער;
אַ קעלבעלע אַ קליינס שיין זיך פאַרנייגט,
און מיט דער לאַנדשאַפט שלאָפן זיך לייגט.

און זון און ערד שיין ווי אין אַ חלום,
לענען זיך צו אויף מערב זייט,
אַ ווינטל שאָקלט די וויג פון שלום,
און שוין — עס גייט שוין איינדרימלען די צייט;
רוישן די רעדער און רעשן: געשווינד!
דער לאָקאָמאָטיוו פייפט זיך אויס אויפן ווינד.


„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„אין חדר אריין“ 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי




## זיינוול דיאַמאַנט (זשענעווע)

### ווי אַלט איז זעליק?...

קאַפּיטל פון ראָמאַן „אַמאָליקע צייטן“

פסח ישעיהן האָט דערוויילע די מאָביליזאַציע נישט אָנגערירט. ער אַליין איז טאַקע נאָך נישט אַלט געווען קיין פינפאונפערציק יאָר, אָבער ער איז, געלויבט דער אויבערשטער, געווען אַ „ניע נאַדין נא וואָיענע סלוזשבע נא ווסע גדא“ (פולשטענדיק אומפּעאיק צו מיליטער־דינסט) — אַ „ווייסער“ בילעט — און זיין זון — זעליק — איז געווען אַ „נישט־פאַרשריבענער“, צום „שאַצן“... און חוץ דעם, האָט דאָך עפּעס פסח ישעיה געהאַט אַן הבטחה פון רבין — דעם נסתר — אַז ביז זיין זון וועט דאַרפן „איינרוקן“, וועט שוין זיין נאָך דער מלחמה!... און די בעסטע ראיה אַז אויף דער דאָזיקער הבטחה קאָן מען זיך סומך זיין, איז דאָך דאָס, וואָס איצט זעט מען דאָך באַשיינפערלעך, אַז יענער איז געווען אַ גאָר גרויסער צדיק, אַ ל״ו׳ניק, אַז כאָטש עס האָט זיך נאָך אין שטאָט דעמאָלט קיינעם נישט געהאַט געחלומט אַפילו קיין מלחמה, עס איז נאָך געווען אַפילו העט פאַר דער לקוי־חמה און פאַר דער „פייערדיקער שווערד“ — האָט „ער“, זאָל לעבן, שוין געוואוסט אַז אַ מלחמה וועט זיין!... מילא, איז פונקט ווי דאָס איז מקוים געוואָרן, אַזוי וועט אויך, מיטן אויבערשטנס הילף, מקוים ווערן די הבטחה וואָס ער האָט פסח ישעיהן געגעבן — ביז זעליק וועט דאַרפן „שטיין צו די לאָסן“, וועט זיך די מלחמה פריער ענדיקן...

גענוי, ווי אַלט זעליק איז געווען, האָט מען ביי פסח ישעיהן אין שטוב קיינמאָל נישט געוואוסט. אין זשילקעווקע, וואו פסח ישעיה האָט חתונה געהאַט און וואו זעלדע און זעליק זענען געבוירן געוואָרן, איז נישט געווען קיין מאָדע, אַז מען זאָל קינדער מוזן באַלד פאַרשרייבן. אַז אַ קינד איז אין זשילקעווקע געבוירן געוואָרן — האָט מען זיך געפירט, ווי יידן דאַרפן זיך פירן: מען האָט אויסגעקלעפּט די שטוב מיט „שיר־המעלות׳ן“, מען האָט פאַרהאַנגען דאָס בעט פון דער קימפעטאָרין מיט ליילעכער, מען האָט זיך געוואונטשן מזל־טוב און מען האָט זיך געפרייט. איז עס געווען אַ מיידל, איז די שמחה, וואָס אַן אמת, נישט געווען אַזוי געוואַלדיק גרויס, אָבער מען האָט דאָך געמאַכט אַ „מזל־טוב“: דער פאָטער האָט זיך, אין שול, אין בית־המדרש, אָדער אין דעם חסידים־שטיבל, וואו ער האָט געדאַוונט, געלאָזן אויפרופן צו דער תורה. ער האָט געהייסן מאַכן אַ מי־שברך דער יולדת, ער האָט דעם מיידל געגעבן אַ נאָמען און האָט דערנאָך אַהיים פאַרבעטן גוטע פריינט און משפחה, אויף אַ קידוש, מען האָט זיך געוואונטשן מזל־טוב און עס איז זיך געוואַקסן נאָך אַ יידישע טאָכטער אין זשילקעווקע. איז עס אָבער געווען אַ בן־זכר, האָט זיך שוין געפאָדערט אַביסל מער צערעמאָניעס: מען האָט געקאָכט אַרבעס, מען האָט געקויפט צוקערקעס, קאַרמעלקעס און קליינע לעקעכלעך, מען האָט דאָס נאַשוואַרג צעלייגט אין קליינע, קאָלירטע, פאַפירענע בייטעלעך אַריין. יוסף

„וואָרנע" — דער הייזעריקער תלמוד־תורה מלמד — מיט זיינע תלמידימלעך — די „תלמוד־תורה יינגלעך — זענען זיי גאַנצע אַכט טאָג, פון דעם געבוירן, ביזן ברית, יעדן אָוונט, בין מנחה למעריב, געקומען צו דער געווינערין און זיי האָבן דאָרטן, מיט זייערע קלינגנדיקע קולעכלעך, געלייענט קריאַת־שמע פאַרן ניי־געבוירענעם יידעלע. מען האָט זיי דערנאָך געטיילט די שקאַרמוצלעך מיט דעם געזאַלצענעם און געפעפערטן אַרבעס און מיט די לעקעכלעך און קאַרמעלקעס, די אָרעמע „תלמוד־תורה יינגלעך האָבן די גאַנצע שטוב אָנגעפולט מיט זייערע קלינגענדיקע געפילדערייען, האָבן אויך געוואונטשן דער קימפעטאָרין און דעם נייעם, קליינעם חברל זייערן, אַ גוטע נאַכט, און זענען צופרידענע אַרויס אויף דער גאַס, אויפנאַשן די שקאַרמוצלעך מיט לאַקעטקעס... דערנאָך, איז אונטערגעקומען דער פרייטאָג־צו־נאַכטס — דער שלום־זכר — זענען זיך יידן, נאָך דער פרייטאָג־צו־נאַכטסדיקער סעודה, צענויפגעקומען אין הויז פון בעל־ברית, האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די לאַנגע בענק און ביי די לאַנגע טישן, וועלכע מען האָט געבאָרגט אין בית־המדרש און וועלכע זענען געווען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער און באַצירט מיט מעשענע לייכטער, מען האָט געגעסן געזאַלצענעם און געפעפערטן באָב מיט אַרבעס און מען האָט פאַרטרונקען מיט גלעזלעך ביר, וואָס מען האָט געצאַפט פון אַ פעסעלע, און מען האָט געשמועסט וועגן שטאָט־זאַכן און וועגן וועלט־זאַכן, מען האָט, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געזונגען זמירות. דער סאַרווער האָט אויסגערופן: „דער בעל־שמחה דאַנקט דעם גאַנצן עולם, בעט אַלעמען צו קומען אויפן ברית, אויף וועלכן מען וועט פאַרבעסערן מיט אַלעם גוטן", און איטלעכער איז, פאַרן אַוועקגיין, אַריינגעגאַנגען אין אַלקער אָדער האָט אַוועקגעשאַרצט אַ שטיקל פּוירהאַנג, כדי צו ווינטשן דער יולדת מזל־טוב און איננאייננוועגס צו כאַפּן אַ בליק אויפן קליינעם... דערנאָך האָט מען געבאַקן אַ „רעזשינקע", וואָס אויף דעם זענען שוין געווען „ספּעציאַליסטן" און „ספּעציאַליסטקעס" אין שטאָט, מען האָט געפּראַוועט אַ ברית־מילה, מיט אַ דאַווענען מיט מנין, מיט אַ כסא־של־אליהו, מיטן פאַרבעטענעם סדא־דאַמרא, וועמען מען האָט אָפּט מכבד געווען מיט סנדקאות, מיט אַ מוהל, מיט מציצה פּריעה, מיט אַ „קוואַטער" און מיט אַ „קוואַטערין", וועלכע האָבן געגעבן דעם ניי־געבוירענעם קינד די פיינע מתנה, איטלעכער וועדליג זיינע יכולתן; און איז דער פאָטער פון דעם ניי־געבוירענעם בן־זכר נישט געווען קיין כהן און נישט קיין לוי און דאָס ווייב זיינס — די יולדת — איז אַפילו נישט געווען קיין כהנית אָדער בת־לוי, נאָר זיי זענען געווען פּראָסטע ישראלים, האָט מ'אויך שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן איינאונדרייסיק טאָג, געפּראַוועט אַ פּדיון־הבן — מען האָט, פאַר עטלעכע קערבלעך, דעם בכור „אויסגעלייזט" פון דעם כהנס הענט... מען האָט אַלץ געמאַכט, וואָס מען האָט געדאַרפט און געמוזט מאַכן, אָבער פאַרשרייבן דאָס קינד אין מאַגיסטראַט — דאָס האָט מען נישט געמוזט!... איי, וואָס דאָס קינד וועט אַמאָל דאָרטן „שטיין צו די לאָסן"? — וועט דערווייל פריער משיח קומען! ווי מען זאָגט ביים דאַווענען:



„אחכה לו בכל יום שיבוא"... האָט זיך טאַקע פּסח ישעיה אויך אַזוי געפירט ווי אַלע אַנדערע זשילקעווקער יידן — ער האָט די קינדער זיינע נישט פאַרשריבן. אַזוי, נישט זעלדען, נישט זעליקן און אויך נישט די אַנדערע קינדער, וועלכע זענען שוין, זיי צו לענגערע יאָר, אויפן עולם־האמת — — —

אמת טאַקע, אַז עס זאָל זיך נישט טרעפן אין קיין שום יידיש הויז, אַז אַ קינד איז פּסח ישעיהן אַוועקגעקומען, איז געווען אַ לויפעניש: דער מאַגיסטראַט האָט דער „חברה־קדישא" נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין קוויטל, אויף צו מעגן קובר זיין דאָס קינד. מען האָט פריער געמוזט גיין אין מאַגיסטראַט אַריין, דאָס טויטע קינד נעבעך פאַרשרייבן און באַלד, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן, עס קריק אויסמעקן... ביי אַזאַ זאַך, איז נעבעך פּסח ישעיהן געגנוג דאָס בלוט געצאַפּט געוואָרן: ער איז נעבעך געווען אויסגעווייקט אין טרערן און אין צער, בעת דאָס סמאַרקעוואַטע שרייבערל דאָרט, האָט זיך מיט אים געשפּילט אין שרייבן און מעקן... און איטלעכעס מאָל האָט פּסח ישעיה זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער, מען וועט דערלעבן מיט געזונט, וועט ער שוין אַזאַ נאַרישקייט נישט טאָן. אָבער פונדעסטוועגן, אַז עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, און גאָט האָט געהאָלפן, חנהלע איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און זי האָט פּסח ישעיהן אַן אַנדער קינד געבוירן — האָט מען שוין דאָס אַלץ ווידער געהאַט פאַרגעסן און מען איז ווידער נישט געגאַנגען אין מאַגיסטראַט עס פאַרשרייבן... מען וואָלט איבעריקנס, פאַר משפחה, קרובים און פאַר שכני ם אין די אויגן, געווען אויסגעזען ווי אַן אויסברענגער, ווי אַ הולטאַי, אַז מען זאָל געווען גיין באַצאָלן די צוויי גילדן דעם מאַגיסטראַט־שרייבער, אַז ער זאָל דאָס עופעלע פאַרשרייבן — — — פאַר דאָס אָבער, אַז פּסח ישעיה האָט זיך געצויגן פון זשילקעווקע קיין טאַרנין, דאָרט איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערע מאָדע: דאָרט איז שוין געווען אַ „קאַזיאָנע־ראַבינער" און ער האָט נישט געלאָזן מאַכן קיין ברית און קיין „מזל־טוב", אַז מען זאָל אים נישט פריער געווען ברענגען קיין קוויטל פון מאַגיסטראַט, אַז מען האָט דאָס קינד פאַרשריבן — — — —

זענען שוין טאַקע פּסח ישעיהס איבעריקע קינדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין טאַרנין: יענטעלע, ביילעלע, מאָטיסל, און אויך די קינדער, זיי זאָלן זיין אָפּגעשיידט, ווילאַנג יענע וועלן דאָרטן זיין, זאָלן זיי דאָ זיין, וואָס זענען שוין אויפן עולם־האמת, טאַקע צו דער מינוט און צו דער רגע געוואָרן פאַרשריבן, און פון דעמאָלט אָן, אַז מען וויל וויסן ווי אַלט אַ קינד איז, גיט פּסח ישעיה מאָטיסלען דעם רוסישן פּאַס זיינעם מיטן צוויי־קאָפּיקן אָדלער און מאָטיסל לייענט פון דאָרטן אַרויס דעם רוסישן חודש מיטן טאָג, און אַז מען רעכנט דאָס דערנאָך איבער לויט די יידישע חדשים, ווייסט מען שוין אַקוראַט ווי אַלט דאָס קינד, זאָל זיין געזונט און שטאַרק איז... וועגן זעלדען און וועגן זעליקן אָבער, כדי צו וויסן ווי אַלט זיי זענען שוין, ביז הונדעראונצוואַנציק יאָר, מוז מען שוין דאָס אויסרעכענען, לויט דער חתונה, ווען פּסח ישעיה האָט חתונה געהאַט, לויט די שטעט און לויט די דירות, אין וועלכע

מען האָט זינט דעמאָלט געוואוינט... און מייסטנס, ווען חנהלע האָט נאָך געלעבט, אין די לאַנגע, ווינטערדיקע פרייטאָג־צו־נאַכטסן, ווען מען עסט פרי אָפּ, מען לייגט זיך פרי שלאָפן, און אַז עס קומט געוויינטלעך אַרום נאָך האַלבער נאַכט, ליגט מען שוין וואַך, מען גענעצט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין און מען קאָן די נאַכט נישט איבערשלאָפן, די נאַכט איז אַזוי גרויס, ווי דער יידישער גלות — פלעגט דעמאָלט אָפט פסח ישעיהן איינפאַלן צו מאַכן דעם חשבון, צו וועלן וויסן אַקוראַט, ווי אַלט די „מויד" איז שוין אָדער ווי אַלט דער „יונג" איז. פלעגט ער אָפּוואַרטן, ביז חנהלע — זיין ווייב — האָט זיך אין איר בעט אויך אַ רודער געטאָן אָדער זי האָט אויך אַ געגעץ געטאָן, האָט ער דעמאָלט צו איר, פון זיין בעט אַרויס, אַריבערגערופן:

— חנהלע, דו שלאָפסט?

— ניין איך שלאָף נישט — האָט אים חנהלע געענטפערט — און דו? שלאָפסט אויך נישט?...

— איך שלאָף שוין נישט אַ שיינע ווײַלע — האָט פסח ישעיה זיך באַקלאָגט און צוגעגעבן — די נעכט זענען היינט אַזוי גרויס, ווי דאָס יידישע גלות!... מען קען גאָרנישט „נאַסטאַרטשען" מיטן נאָפט; וויפל מען זאָל נאָר נישט אָנגיסן נאָפט אין לעמפל, גייט עס אַלץ אויס איידער עס הויבט אָן צו טאָגן!...

דערנאָך זענען זיי אַ ווײַלע געלעגן ביידע, איטלעכער אין זיין בעט, שוויגנדיקע, האָבן נישט געהאַט צו זיך וואָס צו רעדן — האָבן זיי גענומען אויסחשבונען ווי אַלט די קינדער זענען:

— חנהלע! — האָט, נאָך אַ ווײַלע שוויגן, פסח ישעיה גערופן אין דער פינצטערניש אַריין — איך וואָלט געוועון אַ בעלן דו זאָלסט מיר העלפן אויסרעכנען ווי אַלט דער „יונג" איז שוין; איך מיין, אַז ער וועט שוין באַלד דאַרפן שטיין צום פריזיוו...

— דאָס איז נישט שווער צו וויסן — האָט חנהלע אָפּגעענטפערט איר מאַן אין דעם פינצטערן פרייטאָג־צו־נאַכטס אַריין — נאָך זעלדען, קייגן נאַכט געדאַכט און איר צו לענגערע יאָר, ווי לאַנג יענע וועלן דאַרפן זיין, זאָל זי דאָ זיין, זענען געווען: סאשעלע און יעקב לייבעלע... אַזוי, אַז מען דאַרף אָנגענעמען, אַז ווען זעליקל איז געבוירן געוואָרן, איז זעלדעלע שוין אַלט געווען ביי די זיבן יאָר... מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט ביי חיים אלתרן, אין זשילקעווקע, און ער, זעליקל — דאָס געדענקסט דו דאָך — איז געבוירן געוואָרן חנוכה, צום צווייטן אָדער צום דריטן ליכטל, דאָס קאָן איך מיך שוין אַזוי גענוי נישט דערמאָנען, אָבער דאָס געדענק איך אַקוראַט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אָט איצטער, אַז דער שלום־זכר זיינער איז געווען פרייטאָג־צו־נאַכטס און דער ברית איז געווען זונטאָג, נאָך שבת־חנוכה; דאָס הייסט: באַלד ווי מיר האָבן זיך נאָר צו חיים אלתרן אַריינגעצויגן. דאָס איז דאָך געווען אונדזער ערשטע דירה, נאָכדעם ווי מיר האָבן קאַרגע פיר יאָר צייט געהאַט געוואוינט ביים טאַטן... איך געדענק ווי דאָס וואָלט געווען איצטער — האָט זיך



חנהלע, אינמיטן חשבונ׳ען, אין דער פינצטערניש פאַרחלומט — עס איז דאָרטן, אין דער דירה, געווען אַזאַ מין קעלט, אַז איך האָב דעמאָלט נאָר מורא געהאַט, אַז דאָס קליינטשיקע זאָל מיר חלילה־וחס נישטגעפרוירן ווערן...

— האָבן מיר געוואוינט ביי חיים אלתרן, אַ קימאַ־לן פון פינף יאָר — האָט פסח ישעיה איבערגעריסן חנהלען אירע זכרונות, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום חשבון און צוגעגעבן — האַלט זשע דו קאָפּ...

— איז פינף — האָט חנהלע „געהאַלטן קאָפּ".

— און צוויי יאָר ביי יאָסעלע „טשוואָק" — האָט פסח ישעיה ווייטער אויפגעגעבן זיין ווייב, מיט אַ ניגון וועלכער האָט פאַרלאַנגט אַן ענטפער.

— איז זיבן — האָט חנהלע פאַרענטפערט.

— און מען האָט זיך געצויגן קיין בעכעווע — האָט פסח ישעיה ווייטער אויפגעזונגען מיט דעם ניגון וואָס ער לערנט שבת נאָכן שלאָף אין קליינעם בית־מדרשל אַ פרק משניות.

— האָט מען געוואוינט איין יאָר ביים פעטער כעמיע — האָט זיך חנהלע צוגעאיילט און אים דערווײַלע אויסגעכאַפּט דעם חשבון.

— איז אַכט — האָט שוין פסח ישעיה, מיט אַ געגעץ און אַ נישט זייער צופרידענער אונטערגעצויגן דעם סך־הכל, און אויסנוצנדיק אַ רגע, וואָס חנהלען זענען אין איר זכרון דערווײַלע קיין אַנדערע סימנים נישט אונטערגעקומען, האָט ער דעם חשבון צוריק איבערגענומען — און... מען איז אָפּגעברענט געוואָרן.

— האָט מען זיך געצויגן קיין טאַרנין — האָט שוין חנהלע איצט ווייטער געקאָנט ציען דעם חשבון.

— האָט מען געוואוינט אין טאַרנין, אַ קימאַ־לן אַזוי גרויס, ווי איין יאָר ביי מיין פעטער אהרן — האָט פסח ישעיה לאַנג אויסגעצויגן דעם „מיין פעטער אהרן", ווי ער וואָלט דאָ זיין ווייב, אפשר שוין צום טויזנטסטן מאָל, געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז נאָך דער שריפה, ווען זיי זענען, נישט היינט געדאַכט, אַרויס „אין איין העמד" — האָט זיי פונדעסטוועגן נישט אַריינגענומען איר פעטער, קאָפּל קאַמאַשנשטעפּער, נאָר זיין פעטער, אהרן דער „פּאדראַטשיק"...

— נו, איז ניין! — האָט חנהלע אָפּגעענטפערט קורץ, און עס האָט זיך אין דער פינצטערניש אָפּגעגעבן, גלייך ווי זי וואָלט געזאָגט: „נו, האָט זיך מיר צוגעקלעפּט אַ בלעטל צום אָפּצאַס!" — — — —

— דריי יאָר, ביי יצחקל פּאַדעך" — האָט פסח ישעיה פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און געחשבונט שוין אָן אַ ניגון, אַביסל אַ געפּלעפּטער...

— איז צוועלף. יאָ, טאַקע אַזוי: צוועלף יאָר איז זעליק אַלט געווען, ווען מיר זענען אָנגעקומען דאָ, אין קוזעוו — איז חנהלע שוין געוואָרן אַביסעלע ווייכער און אַביסעלע איבעריק באַרעדעוודיק, כדי עס זאָל זיך דערפון נישט מאַכן קיין ברוגז. ער איז דאָך אַ כהן, ער קאָן זיך באַלד אָנצינדן... אַ ליאַדע וואָס, צינדט ער זיך אָן — — —

— און איצט, רעכן ווייטער — איז פסח ישעיה געבליבן צופרידן, דערפילנדיק, אַז זיין חנהלע זוכט זיך פאַר אים ווי צו פאַרענטפערן...

— דריי יאָר ביי דאברע לייבוש פריידעלעס — האָט חנהלע, שוין אָן שום אָנשטרענגונג געדענקט די פרישע דאַטעס.

— איז פופצן — האָט פסח ישעיה אונטערגעצויגן.

— צוויי יאָר ביי אים, אינמיטן מאַרק, ווי הייסט ער דאָרטן?... ביי מענדעלע „צימעס".

— איז זיבצן. נו, און שבת־חנוכה איז דאָך שוין געוואָרן צוויי יאָר אַז מיר וואוינען דאָ, ביי גדליה קעמלמאַכער — האָט פסח ישעיה אויסגעפירט — האָסט דו דאָך שוין דעם חשבון אויף דער האַנט!... אי אונדזער זעליק — האָט פסח ישעיה ווידער גענומען אויפזינגען מיט זיין משניות־ניגון — שוין היינט, קיין עין־הרע אַלס, אַ קימאַ־לך, פון איבער ניינצן יאָר!

— אַ קלאָג איז נישט צו מיר! — האָט זיך חנהלע דעמאָלט פאַר דער צאָל פון זעליקס יאָרן דערשראָקן — ווער דאָך דאָס „קינד" מיר נעבעך שוין באַלד דאַרפן שטיין צום פריזיוו?!... — און חנהלע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן אין דעם פינצטערן פרייטאָג־צו־נאַכטס אַריין — אוי, געוואַלד! ווי די יאָרן אַנטלויפן! זעליקל דאַרף שוין באַלד שטיין צום פריזיוו! — האָט זי זיך גאָרנישט געקאָנט דאָס שענקען — — —

— אָבער כאַפּ נישט אַזוי! — האָט פסח ישעיה אַ רויקער דעמאָלט געזאָגט — ער שטייט נאָך נישט צום פריזיוו!... דו פאַרגעסט, חנהלע, אַז ער איז דאָך נאָך אַפילו נישט פאַרשריבן?... מען ווערט אים צוערשט מוזן פאַרשריבן: מען וועט דאַרפן בעטן צוויי עדות, וועלכע קענען זיך אונטערשרייבן, און אַהינגיין, פאַרשטייסט דו מיך, צו שמואל בערן — דעם „אַדוואָקאַט", דעם „פּראשעניע"־שרייבער — און מען וועט דאַרפן, פאַרשטייסט דו מיך, מאַכן אַן „אקט־זנאַניע", און דאָס וועט, פאַרשטייסט דו מיך, אָפּגיין אין פאוויאַט אַריין און פון פאוויאַט, וועט עס גיין אין דער גובערניע, און דערנאָך ערשט, אַז מען וועט דערלעבן מיט געזונט און ער וועט אַלט ווערן איינאונצוואַנציק יאָר, וועט מען אים ערשט נעמען צום „שאַצן" — — — —

איז טאַקע חנהלען, נאָך איר מאַנס אויסטייטשן, געוואָרן אַביסל לייכטער און טאַקע באַלד נאָך יענעם שבת, האָט פסח ישעיה גענומען, אין בית־המדרש, בין מנחה־למעריב, צוויי יידן, עדות. ער איז מיט זיי אַוועק אינמיטן מאַרק אַריין, דאָרט, אין דעם גרויסן, קיילעכדיקן טויער־אַריינגאַנג, לעבן דעם יידישן „סקלאַד־אַפּטעטשניק", צו שמואל בערן, דעם „פּראשעניע"־שרייבער און ער, דער „אַדוואָקאַט", מיט דער שיינער, גרויסער, שוואַרצער, זיידענער באָרד, מיט דעם גרויסן קאָפּ און מיט זיין בלאַסן פּנים, האָט גענומען אַ גרויסן, געקעסטלטן בויגן פּאַפּיר, האָט אָנגעשריבן אויף רוסיש אַן „אקט־זנאַניע" און האָט די צוויי יידן געגעבן אונטערצושרייבן, אַז זיי, די צוויי עדות, ווייסן אַקוראַט, זיי זענען ממש געווען דערביי, אין זשילקעווקע, בעת זעליק דעם „בעכעווער" שניידערס איז געבוירן געוואָרן, און אַזוי אַרום, איז זעליק געוואָרן



אַ „פאַרשריבענער" און מען האָט געוואוסט, אַז אין אַן ערך צוויי יאָר אַרום, וועט ער דאַרפן פאָרן קיין קראַסניסטאַר אין פאוויאַט אַריין צום „שאַצן" און דערנאָך וועט ער דאָרטן דאַרפן שטיין צום פריזיוו.

איצט, בעת די מהומה האָט אויסגעבראָכן, בעת אַלע „זאַפּאַסנע" האָבן געמוזט שוין, אום שבת אַוועקגיין אין דער מלחמה אַריין און די „פּאַדפּיסאַוועע" (רעקרוטן), וועלכע האָבן ערשט געדאַרפט שטיין צום פריזיוו אין יעשיען (הארבסט) ווי געוויינטלעך, חשון־צייט, האָבן שוין איצט, צוזאַמען מיט די „זאַפּאַסנע", מיט די „גרינע" און „בלאָע" בילעטן, געמוזט זיך צושטעלן אין גער, ווי אַז ער טויג נישט פאַר קיין זעלנער, ווען אַפילו ניקאָלייקע זאָל שוין האַלטן אָט ביי פאַרשפּילן די מלחמה, אַז ווען ניקאָלייקע זאָל שוין דאַרפן אים נעמען, וואָלט ער שוין געמעגט גיין אויפן בית־עולם, אויסגראָבן די טויטע און זיי מאַכן פאַר זעלנער — — — און אַפילו זעליק האָט אויך נאָך געהאַט איבער אַ יאָר צייט ביז צום „שאַצן" — — — און חוץ דעם, האָט דאָך דער צדיק, דער נסתר, דער ל"וניק, עפּעס געזאָגט, אַז ביז זעליק וועט דאַרפן גיין דינען, וועט זיך פריער די מלחמה ענדיקן — איז דערווילע פסח ישעיה געווען פאַר מלחמה אויסגעזאָרגט, נאָר נישט מער, אַז עס האָט זיך אויף דער וועלט מיט איינמאָל אויסגעגאָסן אַזאַ ביטערער צאָרן, אַז אַ שטאָט מיט מענטשן, סיי יידן און סיי להבדיל קריסטן, גיין אַוועק אויף דער מלחמה, וועט זיך דאָך אַלץ אָפּשטעלן, איז טאַקע פסח ישעיהס זאָרג פאַר פּרנסה געווען זייער גרויס:

— די גאַנצע מלחמה, דער גאַנצער צאָרן נעבעך, וועט אויסגעגאָסן ווערן אויף דעם ביסל אָרעמעלייט! — האָט פסח ישעיה געקרעכצט — ביטערע צייטן רוקן זיך אָן! די לעבעדיקע וועלן מקנא זיין די טויטע!... — און ער האָט זיך אָנגעטון דאָס גראָע, בעשקענע כאַלאַטל זיינס, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט אַריין און איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין הערן „עפּעס נייעס" — — — —

---


ס׳איז דערשינען נר. 2 (אקטאבער) נומער פון דער

**„יידישער סאציאליסטישער שטימע"**

מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

1. **רעזאלוציע וועגן אנטיסעמיטיזם און טערארר**
2. **פון נתניה ביז רידלעי רויד** — ל. בליט
3. **די ווירטשאפטלעכע לאגע פון ענגלאנד** — מ. לאקעטש
4. **50 יאר „בונד"** — י. ליפשיץ
5. **די יידישע סאציאליסטישע קאנפערענץ אין בריסל** — ל.ב.
6. **א לאגער פון יוגנט** — מאיר
7. **פון דער יידישער סאצ. ארג. אין ענגלאנד** — מ.ל.

און פיל אַנדערע.

**פרייז — 3 פעניס** מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

M. LOKIEC, 12, CLIFFORD HOUSE, WELLCLOSE SQUARE, E.I.

## אין חודש תשרי

ס׳הענגט דער האַרבסט־וואַלד אין שול אויף מזרח־וואַנט,
אַ בלעטלעך־צעפּליקטער לײדיקער קאַלענדער;
אונטער אַ ברײטן שטאָם באַהאַלטן זיך,
די הערשן אויפן „שויתי״ פאַרן שטענדער.

ס׳יאָגן זײ יעגער אין לײדיקן וואַלד,
קומען ב׳שול זײ צווישן ײדן זיך באַהאַלטן;
ריטשקעלעך טרערן פינקלען פון ווינקלען,
ווי פרישע קוועלעכלעך צווישן פעלדזן שפּאַלטן.

אַראָפּ פאַלן די אָקטאָבער־שטערן,
אין אויפגעריסענע ערד זריעה פון קערנער,
ווען זײ רײסן די הימלען אַרונטער,
מיט דער שרעק אין זײערע צעצווײגטע הערנער.

יאָ, אויפן ערשטן בלאָז פונם שופר
וואַרטן די שוואַלבן מיט זײער אַוועקפליען,
ווען פון די שול־פענסטער וועט באַגלײטן,
דעם חזנס „תחזינה עינינו בציון״ —

— — — — — — — — — — — — — —

די נישט־אויסגעבריטע אײער אין נעסט,
פון ווו די שוואַלבן זײנען אַוועקגעפלויגן,
אויסגעבלאָזענע און אָפּגעפאַרבטע,
און פאַר נוי־סוכה אויף שנירלעך אויפגעצויגן.

הענגען נאָך אין מײן שטיבל אויף דער וואַנט,
אײדער די זון גײט אויף אין די האַרבסט פאַרטאָגן,
נאָר ווו דער „שויתי״ פאַר די הערשן,
ווען דער ווילדער וואַלד־יעגער וועט ווידער יאָגן?

## די „ווידוי גדולה״...

מתודה צו זײן אויף זײן גרויסער זינד,
לײגט גאָט אַרויף די הענט אויף אונזער קאָפּ,
אחת ואחת, אחת ושתים — — —
אַ טרער פון זײן אויג פאַלט די זון אַראָפּ.



ווי פינסטער ס׳ווערט דאָס אין אַ וועלט אַזאַ,
אַז גאָט אַלײן שוין מוז מתודה זײן,
ס׳לעשן זיך די לבנה, די שטערן,
פונם שוידער פון גאָטס שרעקלעך געוויין.

געשאָכטן ליגט דאָס ווײסע ציגעלע,
אין אַלע עקן וועלט ס׳בלוט געשפּרענגט,
אחת ושלוש, אחת וארבע — — —
און רויט נאָך אַלץ דער „חוט השני״ הענגט.

אָ, גאַנצע וועלט שוין אַ פאַרוויקלטע,
אין דעם פאַרבלוטיקטן „חוט־השני״־דרים!
אחת־וחמש — ואחת ושש — — —
טיף אויף זײן פּנים פאַלט גאָט אלוקים:

אחת ושבע — — איז זעקס מיליאָן ווײניק?
וואָסער בראַנדאָפּפער, ווי געוואַלטיק גרויס!
אָ, דער אויפגײיענדיקער דאַמף און רויך,
פונם ציקעלע פון „ואחרי מות״ —

— — — — — — — — — — — — — —

מתודה צו זײן ווידער אויף דער זינד,
שטרעקט גאָט אויסעט די הענט אין ווילדער שרעק — —
זיך אַלײן, כביכול, חלילה,
אַראָפּצושלײדערן אין אַלדי העק — — — — —

## אסיען

1

אַז כ׳האָב אײן פרילינג טאָג נישט פּאַסן געקאָנט,
און די שפּע נישט פון אַ זומער באַגינען —
צווישן מײנע סמוטנע פאַרקראַמפּטע פינגער
ס׳איז דאָס בלוי און דער גרוי טריפנדיק צערינען.

אָבער דאָס טרויעריקע גרוי פון אָסיען
איך וועל עס הײ־יאָר טיפער אַזוי באַגרײפן —
אַ פאַרלוירן וואָלקנדל, אַ פאַרבלאָנקעטס,
קאָלטנט גרוי צווישן די האָר פון מײנע שלײפן.

2

דער שפיגלדיקער בוים אין בלאַסן טייכל,
מיט לעצטן בלעטער־שאָרך שוידערט אויף דערשראָקן:
זעט ער נישט אויס מיט זיין וואַקסנדיקן פליך,
אויף שטעקן שוין אַן איינגעהויקערטער זקן?

ווי ס׳ראָפּען נאָס אים די וויעס און טראָפּן,
און דער נעפּל פאַר די שוואַכע מאַטע אויגן!
די בלאַסלעכע זון, אונטער גרוילעכן וואָלקן,
האָט זיך אַ בעלמע איבער אויג אים פאַרצויגן — —

## פאַר ע.

1

גרוי ווי אַ טויב איז דיין קאָפּ שוין מסתמא,
גאַנצע נעכט ליג איך איבער אים און איך וואַך;
איך הער דאָס שטילע געוואָרקע אין מיין האַרץ,
ווי אין אונזער שטיבל פון אונטער קראָקווע־דאַך.

און אַז דו וועסט הערן אַז איך בין טויט שוין,
צו אונזערע מיליאָנען טויטע צייל מיך צו — —
אין ליידיקע נעכט האָסט דאָך געוואַרט אויף דעם,
נישט געפינענדיק אויף דיין געלעגער קיין רו.

דאָס סוף־זומער וואָלקנדל, דאָס פאַרשוועבטע,
פון מיין פאַרמוטשעט ביסל לעבן — לעצטער הויך,
ווי די האַרבסט כמאַרע איבער גאַנצן הימל,
פון די מיליאָנען דער אויפגעגאַנגער רויך.

2

דורך אַזויפיל בלוט און דורך אַזויפיל טויט
וויאַזוי צוריקגעפינען דעם וועג צו דיר?
אין די נעכט, אַז דיין האַרץ האָרכט דערשראָקן אויף,
נישט איך — אַ פאַרבלאָנקעטער הונט שאַרט פאַר דיין טיר.

אַז איך ווייס דיינע שטילע הענט זיינען ריין,
דיינע ליפּן זיינען פול מיט תפילה פאַר מיר,
וועסט דו דאָך פאַרשטיין פאַרוואָס מיין האַרץ שרעקט אויף,
פון אַ בלאַסן געדאַנק בלויז, פון דיינעם אַ באַריר.

אַז מיט אַזויפיל בלוט, מיט אַזויפיל טויט
גרויליך איז פאַרגליווערט דער וועג וואָס פירט צו דיר,
איז אַ וווּנדער, אַז אַ שפּיר־הונט איך בלאָנקע,
אין דעם בלוט־שלאַד פאַר דיין טיר צומאָל איך דערשפּיר — —



דר. יעקב י. מייטליס

# לך לך...

(פוילן 1)

„...איז אַ גרוס דיר זיידע אברהם —
מיר גייען אויף דיין וואַנדער, דעם שווערן,
נאָר צי וועסטו זיך נישט שעמען
פאַר די אייניקלעכס בלוטיקע טרערן?!...“

ש. שאיעוויטש

ווען האָבן מיר דאָס געלערנט די סדרה לך־לך? נישט אין יענע ווייטע, שוין לאַנג פאַרפלאָסענע נעכט פון דעם אָנהויב ווינטער זמן, ווען דאָס האַרץ פון דעם חדר־יינגל איז אויסגעגאַנגען מיט עצבות און אַ באַהאַלטענער בענקשאַפט צו דער פראַכטפולער וואַנדערער־געשטאַלט פון טאַטן אברהם, וואָס האָט געמוזט אַוועק פון זיין היים, זיין שטאָט, זיין פאָטער הויז און גיין אין אַ ווייט, פרעמד, אומבאַקאַנט לאַנד, וואָס ער קען נישט.

וויפיל אַזוינע לך־לך׳ס האָבן מיר שוין נישט געלערנט אין משך פון אונזער טויזנט־יאָריקער בלוטיקער געשיכטע? וויפיל מאָל האָט מען אונז שוין נישט געהייסן, געצוואונגן גיין אין אַ ווייטן וועג אַריין מיט אַ האַרץ פול יסורים און פיין? וויפיל מאָל האָט מען אונז נישט פאַריאָגט פון אונזערע היימען, פאַרטריבן פון דער אייגענער הויז אין אַ וועג, וואָס איז געווען פינצטער און אימה׳דיק?

און פאָרט, וואָס זיינען אָט די אַלע יסורים, די גירושים און רדיפות, די פלאָגענישן און ענוים פון אַמאָל אין פאַרגלייך מיט דעם נייעם טאָן פון לך־לך, וואָס איז אַזוי מורא׳דיק־טיף, אַזוי אָן אַ ברעג גרויזאַם? דאָס מאָל איז עס געווען אפשר דער פינצטערסטער לך־לך, אַ גאַנג פון וואַנען עס איז שוין מער קיין צוריק נישט געווען.

עס איז געווען אַ לאַנגער, אימה׳דיקער מאַרטירער־וועג פון אַ צו דעגראַדאַציע און פאַרניכטונג אויסדערוויילט פאָלק, פון אַ פאַרשוועכטער און געשענדעטער מענטשלעכקייט. עס איז געווען דער טרויעריקסטער פון אַלע יידישע וועגן, — און די מאַידאַנעקס, טרעבלינקאַ׳ס, אשוויענצים׳ס זיינען די בלוטיק־פינצטערע מיילשטיינער פון דער נייער, מאָדערנער גאָלגאָטאַ.

נישט איינער נאָר הונדערטער, טויזנטער קריסטוסעס זיינען געגאַנגען דעם וועג, פאַרחלש׳ט און איינגעבויגן אונטער דער שווערער לאַסט פון זייער קרייץ און דאָסמאָל איז זיי נישט אונטערגעקומען קיין שמעון פון קירענע, וואָס זאָל העלפן טראָגן דעם קרייץ, לייכטער מאַכן די יסורים. אַ פאָלק אין האַרץ פון אייראָפּאַ האָט געשענדעט און געקרייציקט אַן אַנדער פאָלק און נאָך היינט־צו־טאָג שטייט אַ וועלט אַ צעטומעלטע, אַ וואולגאַרע און אַ ציניש און ווייס

נישט ווי צו רעאַגירן אויף דעם גרויסן, הימל־שרייענדיקן אומגליק פון׳ם אומקום פון אַ פאָלק. (געפינען זיך דוקא „קלוגע״ מלוכה־מענער, אָנפירער פון סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וואָס ווילן פאַרענטפערן אונזער בלוטיק פּראָבלעם מיט אַ פשוט׳ן, אפשר גאָר צו פשוט׳ן תירוץ, אַז יידן פירן גאָר אַ צוויי־טויזנט יאָריקן קאַמף געגן דער אַרומיקער וועלט. קומט אונז אפשר גאָר דאָס אַלץ!).

* * *

די הערלעכע עפּישע דערציילונג אין דער תורה פון אברהם׳ן, וואָס הויבט זיך אָן מיט דעם אייביק־יידישן גאַנג, מיט׳ן באַקאַנטן לך־לך, קולמינירט בלי ספק אין דעם מאָטיוו פון דער עקידה, אין דער אָן שום פּניות׳דיקער גרייטקייט צו ברענגען דעם גרעסטן און אַפילו דעם שווערסטן קרבן. אברהם׳ס לאַנגער וועג אין דער פרעמד וואָלט נישט דערגרייכט זיין שלמות, אויב עס וואָלט נישט געווען די עקידה: אַ לך־לך, וואָס געפינט זיין המשך אין דעם עקידה־געדאַנק. אַזוי האָבן יידן געזען דעם מיסטעריעזן אָנהויב פון זייער געשיכטע, אַזוי האָבן טאַטעס שפּעטער געפּרובט לערנען פשט מיט זייערע קינדער און אַזוי האָט אויך דער פיין־פילענדיקער שאַיעוויטש, זייענדיק קאָנפראָנטירט מיט דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון׳ם יידישן אומקום, גענומען פאַרענטפערן פאַר זיך און פאַר זיין טעכטערל בלימעלע די האַרבע קשיה פון דעם נייעם, מוראָדיקן לך־לך . . .

די פינצטערע געשיכטע פון דעם לעצטן יידישן אומקום איז איין גרויסע עקידה, ווי מ׳האָט אַ גאַנץ פאָלק אויסגעלייגט אויפ׳ן מזבח און עס אויסגעקוילעט. פון אָט דעם זינגט שאַיעוויטש אין די צוויי פּאָעמעס * „לך לך״ און „פרילינג תש״ב״, וואָס האָבן זיך עפ״י נס דערהאַלטן.

ווער איז שאַיעוויטש געווען? מיר ווייסן וועגן אים זייער ווייניק, אַחוץ, אַז ער האָט אין די טרויעריקע פאַרניכטונג־יאָרן געלעבט אין לאָדזשער געטאָ, דאָרט געהונגערט, געליטן, געפיבערט און געשאַפן. (וויפיל הונגעריקע, פיבערדיקע און ליידענדיקע דיכטער און קינסטלער די געטאָס האָבן געהאַט, קענען מיר זיך נאָר משער זיין, און כמעט אַלע זיינען אומגעקומען. זייערע שאַפונגען זיינען אַוועק מיט׳ן רויך פון די קרעמאַטאָריעס, זייער גערזאַנג איז געוואָרן אומברחמנות׳דיק דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן). שאַיעוויטש איז בלי ספק געווען איינער פון די יונגע שטאַרקע טאַלאַנטן פון דעם גרויסן פּילצאַליקן דיכטער־אַקטיוו, וואָס האָט אַפילו אין די שוידערלעכסטע געטאָ־פאַרהעלטענישן געפּרובט שטאָלץ אויפצוהאַלטן די דורות־ירושה פון פאָלק, און וואָס האָט דערפילט זיין דיכטערישע שליחות מיט אַ געוואַלדיקער מאָס פון מסירת נפש. דער גורל האָט געוואָלט, אַז פון דעם רייכן, אויף אייביק פאַרלוירענעם דיכטערישן שאַפן אין געטאָ, זאָלן זיך אָפּראַטעווען די צוויי פּאָעמעס פון שאַיעוויטש׳ן, וואָס

---

* ש. שאַיעוויטש . . . לך־לך . . . לאָדזש 1946, אַריינפיר און באַמערקונגען פון נחמן בלומענטאַל.



זיינען אַזוי שטאַרק אין זייער אויסדרוק און דרינגען אַריין מיט זייער צאַרטקייט ביז אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון דער נשמה און טרייסלען תהומות׳דיק אויף דאָס האַרץ מיט זייערע דערשיטערנדיקע בילדער.

די לידער, שטילע, צאַרטע, אויסגעזונגען מיט אַזויפיל טרויער און געוויין, ווי סליחות, אלה אזכרה׳ס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין דער נויט פון פאַרגיין און חורבן, מאָלן זיי די געוואַלדיקע ליידן און דעם הונגער, דעם צער און די פיין, וואָס יידן פאַרשפּאַרטע אין געטאָ און צום טויט פאַרמשפּט׳ע לעבן איבער. דער מאָטיוו איז דער נייער גירוש, דער ניי־מאָדישער לך־לך, דאָס גיין אין אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג, וואָס זיין דיכטעריש האַרץ האָט שאַיעוויטש׳ן נביאות געזאָגט (שוין אָנהויב 1942, ווען די לידער זיינען אַנטשטאַנען און עס איז נאָך דעמאָלט געווען אין לאָדזשער געטאָ „שלום ושלוה״, מער אָדער ווייניק רואיק), אַז פון דעם וועג איז שוין מער קיין צוריק נישט פאַרהאַן.

געזעגענט זיך טאַקע דער טאַטע־דיכטער אין זיין ליד מיט זיין טעכטערל בלימעלע, און מיט אַ שטילער האַרציקער טרויער פּרובט ער זי צוצוגרייטן צו דעם לאַנגן וועג. ער ווייס, אַז דער זינדיקער מענטש:

מוז תמיד זיין מוכן ומזומן
סיי צום רעשיק פאַרביק לעבן
סיי צום וויסטן טרויעריק אומקומען . . .

בעט ער זיך טאַקע תחנונים׳דיק ביי זיין קינד נישט צו פרעגן קיין שאלות, קיין פאַרוואָס און פאַרווען אויף די אַרומיקע אכזריותן. איידער ער לאָזט זיך אין וועג אַריין, וויל ער מאַכן נאָך איינמאָל קדוש און זאָגן מיט פרייד „שלום עליכם״ צו די צוויי מלאכים, וואָס באַגלייטן אים אומעטום:

און וויינען מיט מיין געוויין
און פרייען זיך מיט מיין פרייד . . .

און די דאָזיקע צוויי גוטע מלאכים זיינען — די פרוי זיינע און בלימעלע, די בת־יחידה.

דער באַהאַלטענער אומעט שטייגערט זיך ביז צו אַן אימה־געפיל, בעת ער געזעגענט זיך:

. . . מיט אַלעם וואָס אונז איז ליב און טייער
מיט יעדער קלייניקייט וואָס מיר לאָזן
דאָ איבער און ס׳לויפט אונדז נאָך ווי פייער . . .

מיט יעדן פּיצל, וואָס ער האָט מיט זיין דיכטערישער נשמה אויסגעוויטיקט און אָנגעפילט מיט אַן אומבאַשרייבלעכער בענקשאַפט:

מיט די נישט דערזינגענע געזאַנגען
וואָס פלאַטערן דאָ אַרום אין שטוב
און לויפן פאָרויס און גייען
אַקעגן ווען מ׳פירט אונדז צום גרוב.

עס זיינען גהינום׳דיקע יסורים פון אַ דיכטער, אַ מקונן, וואָס זיין נשמה ווערט פאַרברענט אין פייער פון די ליידן פון זיין פאָלק, וואָס זוכט אַ תקון

פאַר זיין פאַרוואָגעלט, נישט דערזינגגן ליד און געפינט אים נישט.

און ווי מורא׳דיק איז די וויזיע, וואָס ער זעט, ווי דאָס פאָלק, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו פאַרמערן און מאַכן גרויס, מוז „אַרויס צום אומבאַקאַנטן וויטן וועג —

קראַנק און מיד — צעבראָכענע שיפלעך,
וואָס דערשווימען נישט צו קיין ברעג".

פאַר זיינע אויגן ציען זיך פאַרביי מענער און פרויען, זקנים און קינדער, וואָס מ׳פירט מחנות׳וויז צו שאַנד און צום טויט. מיט זיי, אָט די אויסגעמאַטערטע, די אויסגעהונגערטע און די פאַרפייניקטע גייען גאַנצע דורות גרויסע יידישע ירושות אין פייער אַריין.

... זייערע פאַרבלאַסטע פנימער
זענען פון שאַנד און פראָסט שיכור־רויט
זייערע שריט — פאַרהלשט — וואַקלדיק
מיט בליקן פאַרמשפּטע צום טויט.

און ביי דעם גרויסן חורבן, ביי דעם וויסטן פאַרגיין איז נישטאָ קיין ירמיה, וואָס זאָל קלאָגן זיין בלוטיקן און האַרץ־רייסענדיקן איכה, וואָס זאָל געטריי מיטגיין מיט די אומגליקלעכע און זיי טרייסטן.

היינט, וואָס איז שוין דער גירוש פון אַמאָל, דער לך־לך פון יענע אַלטע צייטן צו דעם בלוטיקן גאַנג פון איצט? איז דאָך טאַקע אברהם גאָר קיין יחסן נישט. וואָס איז שוין זיין לך־לך, וואָס איז שוין זיין עקידה, וואָס איז שוין זיין מסירת נפש לגבי דעם איצטיקן פינצטערן גורל? זאָגט אים טאַקע דער דיכטער:

... מיר גייען אויף דיין וואַנדער, דעם שווערן,
נאָר צי וועסטו זיך נישט שעמען
פאַר די אייניקלעכס בלוטיקע טרערן?!...

איז טאַקע די וועלט איינגעטונקען אין אַ ים פון אומעט און יאוש, גייט מען טאַקע דעם לעצטן וועג, זאָל מען אָבער להכעיס דעם דם־שונא נישט וויינען, נישט יאָמערן, נאָר שמייכלען, „אַז וואונדערן זאָלן זיי זיך וואָס יידן קאָנען"... זאָלן יידן אין די לעצטע שעה׳ן פון זייער לעבן גיין שטאָלצע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, אמת שבת־יו"ט׳דיקע, גרויסע יידן מיט בטחון אין האַרץ:

... און כאָטש אונטער די טריט — דער טויט
איבערן קאָפּ — די שכינה פון גאָט
איז קינד אַרויס מיט מסירת נפש
נייעם און מיטן אַלטן אחד.

דאָס איז געווען די גרויסע שליחות פונ׳ם יידישן דיכטער און וואָרט־זאָגער אין דעם ים פון פאַרצווייפלונג און חורבן. די אייניקלעך פון ירמיה׳ן האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען! זיי זיינען געווען ווערטיקע יורשים פון זיינע שטאָלצע, מענטשלעך אַזוי דערהאָבענע טרייסט־ווערטער.



דער דיכטער קען אָבער פאָרט נישט תמיד אונטערדריקן זיינע ליידן און וועלן אַלץ מקבל באהבה זיין. ווי לאַנג קען דאָס אַזאַ איידעלע כלי אויסהאַלטן דעם פיזישן און אפשר נאָך מער דעם פסיכישן דרוק פון די שוידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען, כדי צו צוימען זיינע געפילן, קריצן מיט די ציין און שמייכלען, אַז די שונאים זאָלן נישט זעען זיינע טרערן?! ווי קען ער אָנהאַלטן זיין שטאָלצן בטחון ביים אָנבליק פון דעם גרויסן שטאַרבן און נישט צוזאַמענברעכן? ווערט ער דאָך תהומות׳דיק אויפגעטרייסעלט פון זיינע איבערלעבונגען, געפינט זיך דאָך זיין אָנגעווייטיקטע נשמה אין אַ שטענדיקן אויפברויז פון רולאָזיקייט און פאַרצווייפלונג. ער ווערט פאַרברענט אין דעם פייער פון זיינע צווייפל. ער רעבעלירט. עס איז אַ מרידה אין זיין אייגענעם בטחון, אַ מרידה אין גאָט, וואָס האָט דערלאָזט צו דעם גרויסן אומגליק.

און אַזוי גייט שאַיעוויטש אַריבער פון דעם שטילן, האַרציקן ליריזם, פון דעם תפלה־לעני־כי־יעטוף־טאָן פון זיין לך־לך־פּאָעמע, צו זיין גרויסן ווייגעשריי אין זיין „פרילינג תש"ב". דאָ איז ער פול מיט מרידה, פול מיט פאַרצווייפלונג און גאַל, פאַרוואָס

... גאָט האָט אונדז אויך מיט מילדער האַנט
געשענקט אַ צווילינג
אַ טויטן־גירוש מיט אַ פרילינג —
דער גאָרטן בליט, די זון לייכט
און דער שוחט — שאכט...

איז דאָ אויף דעם אַן ענטפער? אָבער אין זיין גרענעצלאָזער פאַרצווייפלונג פאַלט ער אַריין אין אַ טאָן פון רעזיגנאַציע און טענה׳ט:

... "ווערט אַ מענטש געשאָכטן —
שאכט מען אויך אָפּ זיין גאָט"...

אָבער לאַנג האַלט נישט אָן זיין רעזיגנאַציע, עס שטורעמט אין אים ווייטער און די געשעענישן לאָזן אים נישט איינרוען. פאַרלאַנגט ער טאַקע, דער מקונן פון זיין פאָלק׳ס גרויסן בראָך, פון ביאַליק׳ן, דעם דיכטער פון צאָרן און נקמה, אַז ער זאָל אויפוועקן פון זייער שלאָף די מאַמע רחל און דעם באַרדיטשעווער צדיק:

... "און איר זאַלבעדריט גייטס פאַר גאָט —
דו וועסט דונערן און פאָדערן,
רחל וועט וויינען און בעטן
און לוי יצחק וועט אַ דין תורה האַלטן
און זאָגן זיין מליץ־יושר׳דיקן פּסק:
— וועסט נישט רבונו של עולם
אויסלייזן לעבעדיקע יידן —
וועסטו אויסלייזן חלילה טויטע שאַרבנס"...

דער צאַרטער, שטילער לירישער שאַיעוויטש ענדיקט זיין פּאָעמע, וואָס

ער האָט אָנגעשריבן ערב פּסח תש״ב, מיט אַ געוואַלדיקן תפילה־רוף נאָך נקמה, וואָס ציטערט אויף די הערצער און רייסט איין די הימלען. נאָר אַזוי האָט געקאָנט אויסשרייען אין זיין טיפסטער נויט דער גרויסער ליריקער ירמיה:

.. שפוך חמתך על הגוים —
גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די גוים ..
וואָס ווילן דיך נישט קענען,
ווייל זיי עסן־אויף יעקבן
און זיין וווינונג פאַרוויסטן זיי ..

• • •

אין דעם ביכל לידער, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישע יידן, גייען אויך אַריין צוויי אינטערעסאַנטע בריוו פון שאַיעוויטש׳ן צו ראָזענשטיינען פון יאָר 1941 און 1942, וואָס זיינען דאָקומענטן פון גרויסער מענטשלעכקייט. בראש פון דער אויסגאַבע געפינט זיך אַן אויסגעצייכנטע אַריינפיר־אַרבעט פון דער פעדער פון נחמן בלומענטאַלן, וואָס באַהאַנדלט דאָס לעבן אין לאָדזשער געטאָ און גיט אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון שאַיעוויטש׳ס שאַפן. מיר קענען אפשר גאָרנישט בעסער אָפּשליסן, ווי ציטירענדיק די ווערטער פון בלומענטאַלן: „וואָס קאָן מען וועגן די צוויי פּאָעמעס זאָגן? מ׳דאַרף זיי לייענען און לייענען! זיי דאַרפן ווערן אונדזער טאָג־טעגלעכע תפילה. זיי דאַרפן זיך געפינען אין יעדער יידישער שטוב, ווי אַ הייליקער מאָנומענט, אַ מצבה פון אונדזערע קדושים״...

סאָסנאָוויעץ — לאָנדאָן, אויגוסט 1947.

מתתיהו פּאַפּירמייסטער (תל־אביב)

## א מערקווירדיקער העברעאישער שרייבער וואס שטאמט פון די שפּאַנישע אנוסים

(צום 60טן יובילײ פון יהודה בורלא)

צווישן די ספרד׳ישע שרייבער אין ארץ־ישראל פאַרנעמט דעם סאַמע אויבן־אָן יהודה בורלא, אַן אייניקל פון די אַמאָליקע שפּאַנישע אנוסים. ער ציט ווייטער די קייט פון דעם גלאַנץ פון די אַמאָליקע ספרד׳ישע יידן, וואָס האָבן פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין אונזער אַלטער ליטעראַטור.

שוין זיינע ערשטע שריט אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור זיינען געווען אינטערעסאַנט. ער איז געקומען נישט מיט׳ן ברייטן שליאַך, נאָר



אַלס דער שילדערער פון אָריענטאַלישן לעבן, זייענדיק אַ געבוירענער אין ירושלים צווישן ספרדים, האָט ער טיף אַריינגעדרונגען אין דעם לעבנס־שטייגער פון די ספרדישע יידן, וועלכע זיינען אונז צוגלייך נאָענט און ווייט, און ער פאַרשטייט אויפצוהילען אָט דעם לעבנס־שטייגער מיט׳ן שוואונג פון זיין אייגנאַרטיקן סטיל און זיינע באַזונדערע שילדערונגס־אַרטן; נישט מיט זיין קונסט, נאָר דוקא מיט זיין פשטות, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַן אָריענטאַלישן דערציילער. ער ווייסט, ווי איבערצוגעבן דעם לעבעדיקן דיאַלאָג פון זיינע העלדן, און צוגלייך מיט דעם, פעלט אויך ניט אין זיינע דערציילונגען דער ראָמאַנטישער עלעמענט, און צייטנווייז טרעפט זיך אויך, אַז לעגענדע און ווירקלעכקייט גיסן זיך דאָרטן צונויף אין אַן עקזאָטיש לעבנס־בילד.

אָט די עקזאָטישקייט האָט בורלא׳ן געמאַכט פאַר אַן אָריגינעלען שרייבער. זעלטן געפינען מיר אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַזאַ דערציילער, ווי בורלא, וואָס זאָל קאָנען אַזוי בולט שילדערן צער און רחמנות. אָט איז למשל, לונא, דאָס אידעלע און אומגליקלעכע באַשעפעניש, וועלכע צאַפּלט זיך אין די נעגעל פון איר בוכאַרישן מאַן, און ווייסט אַפילו ניט וואָס פאַר אַ שפּין־געוועבס עס רינגעלט איר אַרום. מיט דעם פּיין, וואָס שוועבט אויף איר, און דעם ווייטיק וואָס באַגלייט איר אויף דעם לעבנס־וועג, דערוועקט זיך אין אונז אַ פריידיקע וואַכזאַמקייט. אַקעגן דער דורכגעווייטיקטער לונא דערוועקט אין אונז איר מאַנס געשטאַלט, וואָס איז געשילדערט נאָר מיט אייניקע קאַרגע שטריכן, אָבער מיט אויסערגעוויינלעכער פּלאַסטישקייט. מער ניט, ווי כעס. דאָס איז נישט קיין טראַגישע נשמה, נאָר אַ מיאוס באַשעפעניש, וואָס וואַרפט אַרויף אַן אימה.

בורלא איז דער געטרייער שילדערער פון דעם לעבנס־שטייגער פון די ספרדישע יידן אין ארץ־ישראל. ער האָט אַנטפּלעקט דעם שטייגער פון די בוכאַרער און מוגראַבישע יידן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, מיט זייער ליכט און שאָטן. אַלע זייטיקע געשעענישן, וואָס קומען אַזוי ווי כלאחר יד, אונטערן האַנט, אַלע דיאַלעקטן וואָס ווערן גערעדט צווישן די דאָזיקע יידן, זיינען אַ שיינער ראַם פאַר זיינע שאַפונגען. עס איז אויך קענטיק אַ שאַרפע אָנשויאונגס־קראַפט, אַ פאַרשטענדעניש און אַ דירעקטער שייכות און מיטגעפיל מצד דעם שרייבער מיטן גורל פון אַלע זיינע העלדן; ניטאָ דאָ די קאַלטקייט וואָס לאָזט זיך מערקן ביי דאָס רוב פון אונזערע דערציילער, וואָס גריבלען זיך נאָר אין איין פּונקט פון דער נשמה.

גלייכצייטיק מיטן שילדערן דעם לעבן פון אונזערע ברידער די ספרדים, אין דער דערציילונג „לונא״, און אין ראַמען „אשתו השנואה״, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „התקופה״, שילדערט אונז אויך בורלא דאָס לעבן פון די אַראַבער. „צווישן אַראַבישע שבטים״, (בין שבטי ערב) הייסט די אַנדערע דערציילונג, וואָס איז איצט אַרויס אין פאַרלאַג פון תל־אביב׳ער ליטעראַטן פאַראיין. אין דער דערציילונג שילדערט בורלא די טרעפענישן פון אַ יידישן יונגן־מאַן, וואָס

אים איז אויסגעקומען צו זיין אין דער אַלטער „קיר מואב״. מיט גרויס טאַלאַנט שילדערט ער זיין לעבן צווישן די ווילדע אַראַבישע שבטים, וואָס דערמאָנען מיט זייער שטייגער לעבן אָן דער עפּאָכע פון עמון ומואב.

אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט בורלא דערגרייכט צו אַ גרויסער קינסטלערישער מדרגה. ער שילדערט און מאָלט אַלץ מיט אַ שטאַרקער ליבע צו דער נאַטור און אירע שיינקייטן, אויף וועלכע עס ליגט דער חן פון פשטות און פרימיטיווקייט. ער האָט אין עטלעכע בלעטלעך געגעבן אַ לעבנס־באַשרייבונג, וואָס איז ביז אַהער געווען פאַרהוילן פון אונז; ער שילדערט מיט איבערגעבנקייט דאָס לעבן פון די ווילדע שבטים, און יעדן נשמה־ציטער, יעדע שטומע באַוועגונג אין האַרצן פון איינוואוינער פונם ווילדן ערב, האָט ער צונויפגעבונדן אין איין בינטל פערל און האָט דאָס אונז געגעבן אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג.

בורלא׳ס דערציילונגען פאַרשאַפן דעם לעזער אַ זעלטענעם פאַרגעניגן. נאָכדעם ווי מען לייענט זיינע שילדערונגען פונם לעבן אין דער ווילדער פרעמדער סביבה, פילט מען זיך, ווי נאָך אַ לאַנגן אָטעמען ריינע באַרג־לופט. אַלס קעגנזאַץ צום מערב שילדערט בורלא דעם מזרח, צו וועלכן ער איז ווי צוגעשמידט. ער שילדערט דאָס אַלטע, די קולטור־רעשטן, אויף וועלכע עס שוועבט נאָך היינט אַ פרימיטיווע שיינקייט. בורלא פילט טיפע סימפּאַטיע צום מזרח. צוזאַמען מיט זיין העלד, דעם אַלטן עבדול, האָט ער פיינט דאָס פרעמדע, וואָס די מערב־קולטור ברענגט אַריין אין מזרח. ער קאָן ניט פאַרליידן דעם גערויש און די וואָכעדיקייט, וואָס די אייראָפּייער ברענגען מיט זיך אויף די קברים פון די פאַרגאַנגענע דורות.

---

ש. ערנסט

## נייע זאַמעלביכער פאַר פאָלקלאָר

### פון מתתיהו פּאַפּירמייסטער (תל אביב)

פאַר די לעצטע יאָרן איז דער אינטערעס פאַר פאָלקלאָר געוואַקסן. אין ארץ ישראל דערשיינען רעגלמעסיק די זאַמלביכער „עדות״ פון אינסטיטוט פאַר פאָלקלאָר אין ירושלים און אין תל אביב דערשיינט די „רשומות״ אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יום טוב לעווינסקי און דוב שטאָק.

יאָרן לאַנג איז דער פאָלקלאָר געווען אַ פאַרחתמעטער קוואַל. אָבער פאַרן אויג איז נישט געווען וואָס צו זען. לעצטנס האָט דער קוואַל זיך אַנטפּלעקט און אַזוי ווי ייוו״א אַמאָל אין ווילנע, אַזוי האָבן זיך אַ ריי פאָלקלאָריסטן איצט אַ נעם געטאָן צום פאָלקלאָר.

אין די „רשומות״ געפינט איר ש. איינהארנס אַ רייע יידישע שפּריכווערטער וואָס מען הערט שוין זינט יאָרן מער נישט אין דער יידישער גאַס ווי למשל:

„אַ ליטוואַק האָט אַ צלם אויפן האַרצן, ווייל ער לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אויף אַ מהרש״א״.



אָדער:

„אין שמחה בלי יי״ש ואין פזמון בלי דיעווקא״.

עס פעלן אויך נישט קיין פּאַראָדישע ווערטלעך, ווי:

„פויקען אותו עד שיאמר רוצה אני״ א.אַז.וו.

אין דער רובריק פון ווערטלעך זיינען זייער אינטערעסאַנט אויך די „פּתגמים״ אין תרגום לשון פון דר. י. י. ריבלין און די משלים פון די בוכאַריער יידן פון א. עמנואלי.

אַקטועל איז דאָס ליד פון די קעמפער פון געטא און דאָס ליד „עס ברענט ברידער!״ וואָס איז פאַרפאַסט דורך דעם סטאַליאַר־דיכטער געבירטיג, די חלוצים לידער פון א. ברוידעס און דערהויפּט די פּזמונים פון כביש־אַרבייטער פון יעקב צדקוני׳ס זאַמלונגען זיינען זייער אינטערעסאַנט.

פון צדקוני׳ס זאַמלונגען זעט מען אויך ווי יידישע קינדער האָבן אָפּגעלאַכט פון היטלער׳ן. היטלער האָט געברענט יידן און די קינדער האָבן מיט אים געקעמפט מיטן יידישן געלעכטער.

אַ כאַפּטע קינדער זינגען אויפן קולאכן העברעאיש:

„היטלער — קאַפּיטלער
הלך לשוק
וקנה חצי בקבוק
בא שוטר ובא גנב
וסחב לו בזנב״.

ס׳איז אויך דאָ אַ צווייטער לידעל פון קינדער:

„היטלער איז אַ גוי,
אַ גוי איז היטלער,
ער הרגעט יידן
וויי איז אים וויי.
אין פייער
ער ברענט יידן
פייער איז אַש
היטלער וועט גיין קראַש״.

ווי אַזוי יידישע קינדער אין ארץ ישראל זיינען פעהיק, אין דער צייט ווען די לערער און די עלטערן דערציילן טאָג און נאַכט פון היטלער׳ס רציחות, צו שאַפן אַזעלכע לאַכעדיקע לידלעך איז דער סוד פון דער קינדערשער נשמה, וואָס מען דאַרף נאָך דערגרונטעווען.

גאָר אויף אַן אַנדער געביט טראָגט אונז איבער דער פילאלאג א. אכרונין מיט זיין אַרבעט: „די ווערטער פון לשון קודש ביים פאָלק״.

ווי אַזוי עם־הארצים ווארגען זיך מיט עברי האָט שוין מענדעלע אונז אויפמערקזאַם געמאַכט „סיור בור ומפליא לעשות (אין ווינשפינגערל 365) און ביי פישקען (ז. 96) ווי ער מאַכט אָפּ בקיצור שבת שטעך, „סיור בור״ א.אַז.וו. יוסף נוימאַן און זיין נייע ביכל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס אין תל אביב ווייזט

אויך אָן ווי דער „עתיק מלח סדומית“ ווערט ביים פאָלק „אנטעק“, דער מלך פון סדום, און ווי דער „וככה ימתיק את סודנו“ פון „ויתן לך“ — ווערט פלוצים ביי אַן עם הארץ „אנטעק“ אויס די סטאַניע. אברונין איז אָבער נאָך אינטערעסאַנטער, ער ווייזט אָן ווי די עשר מכות אין דער הגדה ווערן פלוצים: „דאקע, ציפע, פראבע א.א.וו. און ווי פון „שוטה רשע וגס רוח“ ווערט גאָר: שוטה רשע ארוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין און נאָך אַזעלכע ענלעכע קללות.

דר. יום טוב לעווינסקי האָט דאָ אַן אַרבעט וועגן מיוחס׳דיקע שבתים אין די יידישע מנהגים. ער באַשרייבט מנהגים פון שבת בראשית, שבת שירה און אַנדערע געהויבענע שבתים, און ער ווייזט דאָ אַרויס זיין גרויסע בקיאות אין אונזער אַלטער ליטעראַטור.

אין אַ גאַנץ אַנדערער וועלט וויקלט זיך פונאַנדער פאַר אונז אין די מנהגים זאַמלונגען פון דר. דע פויס „דאָס פראָווינציעלע יידנטום אין האָלאַנד“: „אַמסטערדאַם און די פראָווינץ אין האָלאַנד האָבן גאַנץ אַנדערע מנהגים, אַפילו דער יידיש איז אין אַמסטערדאַם און אין דער פראָווינץ נישט דער זעלבער“

יהודה רצהבי פון דער געזעלשאַפט „ידע עם“ באַשרייבט מנהגים פון „עצירת נשמים“ ביי די תימנ׳ער יידן און י. צדקוני גיט איבער דאָ אַ באַריכט וואָס די געזעלשאַפט „ידע עם“ האָט אויפגעטאָן אין משך פון די לעצטע דריי יאָר.

ס׳איז געווען פאַר דריי יאָר ווי אַ פאָר קולטור טוער אין תל אביב (א. אחרוני, ש. ערנסט, דר. י. לעווינסקי, פראָפעסאָר סלושץ און י. צדקוני) האָבן געשאַפן די געזעלשאַפט און מיט דער צייט האָט זיך די געזעלשאַפט צעוואַקסן און אַ סך האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם אימפעט פון אחרוני׳ן, אַ באַקאַנטער טוער, וועלכער איז אויך געווען פון די גרינדער פון „אַרבייטער אַרכיוו“ (ארכיביון העבודה). אַ סך האָבן אויך אויפגעטאָן דער דיכטער חעשין, מנשה מאני, ר. סופרמאַן און אַנדערע.

די געזעלשאַפט האָט צוגעצויגן אַ סך פאַכלייט ווי פראָפעסאָר שניאורסאָן, פראָפעסאָרר ה. לעווי, דר. גרונוואלד, ש. ח. קוק, יעקב פערימען. דער לעצטער דרוקט איצט אַ בוך „משלי אשור ובבל“, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט. אויף אַן אַנדער געביט („פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע ביי איוב“, פראַגמענט, געדרוקט אין „מאזנים“ אַרבייט ב. יאַנאַווער, וועלכער פאַרמעסט זיך מיט פראָפעסאָר טארטשינער און אויך וועגן די איסיים). יוסף נוימאַן דרוקט אַ ביכל פון ווערטלעך, וואָס שטאַמען פון חומש־רש״י און אַ ביכל וועגן רב׳אישע תורות אין יידישן פאָלקלאָר דערשיינט אין גיכן פון שרייבער פון די צייל׳ן.

י. צדקוני גרייט צו צום דרוק אַ ביבליאָגראַפיש ווערק וועגן „הומאָר פורים און פאראדיע אין ארץ־ישראל“. יוסף בן משה גרייט צו ווערטלעך פון חזנים און כלי זמרים.

אָט אַזוי קאָנצענטרירט דער „ידע עם“ יידישע וויסנשאַפטלער, וואָס יעדער איינער טוט אויף עפּעס אויף זיין געביט.





## „ס׳זאל קומען צו דעם“...

איך האָב געקראָגן אַ בריף פון אַ פריינט אין ניו יאָרק, אַ יידיש ענגלישער זשורנאַליסט, אַ ענגלישער בירגער (ער האָט אַ ענגלישע פרוי און דריי ענגליש געבוירענע קינדערלעך) און איך מוז אפשר צוגעבן, אַז ווי ווייט ער קען, באַקעמפט ער די אַנטי־בריטישע היסטעריע אין אַמעריקע, ווי פראָוואָצירט זי ווערט ניט פון דער איצטיקער ניט פּאָליטישער „פּאָליסי“ און אומגעלומפּערטע אַקציעס אין פּאַלעסטינע פון דער בריטישער רעגירונג, וואָס אירע פיינסטע און וויכטיקסטע פאַרשטייער זיינען געווען ביז זיי האָבן איבערגענומען די מאַכט מער ציוניסטיש ווי דער גרעסטער רוב אַמעריקאַנער און ענגלישע יידן.

איז דאָס איינציקע וואָס ער שרייבט מיר וועגן די לעצטע פאַשיסטישע, אַנטי־יידישע עקסצעסן אין ענגלאַנד איז אַז ער פאַרשטייט גאַנץ גוט ווי איך פיל זיך איצט און עפּעס אַנדערש האָט ער ניט געפונען צוצוגעבן ווי ציטירן פון שעקספּיר:

„ס׳זאָל קומען צו דעם... ס׳זאָל קומען צו דעם“...

קיין אַנדערע „קליגערע“ ווערטער האָט ער ניט געפונען; ער האָט מער גאָרניט געזאָגט וועגן דעם „ענין“ אין דעם בריף. און איך בין אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר.

„ס׳זאָל קומען דערצו... אויך דאָ אין ענגלאַנד“ — איז דאַכט זיך אַלץ וואָס מיר ענגלישע יידן און ענגלאַנד פילן איצט. אַפילו די פון אונז, וואָס זיינען ניט פון דורות ענגליש געבוירענע עלטערן, האָבן זיך אויסגעלערנט ליב האָבן ענגלאַנד און שעצן דעם ענגלישן כאַראַקטער.

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ליב האָבן די ענגלישע ליטעראַטור, די ענגלישע פּאָעזיע; דעם ענגלישן לאַנדשאַפט און אונזערע ענגליש געבוירענע קינדער? — מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ הערן אַפילו די „נאַטוראַליזירטע“ עלטערן זייערע קינדער רעדן פון „אונזער ביל“, און פון „פוס־באָל“ און פון „קריקעט“...

און ווי שטאָלץ מיט „זייער ענגלאַנד“ זיינען אַפילו די ערשט „אויסגעדינטע“ יידן געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער קריג „ווען ענגלאַנד איז געשטאַנען אַליין“: מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ פלעגן ענגלישע יידן רעדן וועגן דער „ענגלישער קאָלטקייט“ אין דער צייט פון די „בליצן“ — ווי אַ שטייגער זיי זיצן זיך אַזוי „גלאַט ווי גאָרנישט“ אויף די באַסעס מיט זייערע פייפס און ציימונגען, אין דער צייט ווען איבער זייערע קעפּ קומט פאָר אַ „דאָג פייט“... (און איך געדענק ווי איך האָב דעמאָלט אָבזערווירט אַז מוט און קוראַזש איז פונקט אפשר אַזוי אָנשטעקנדיק ווי פחדנות און פּאַניק); און פון דער ענגלישער זיכערקייט מיט זייער ענדליכן זיג... און די ענגלישע יידן האָבן אפשר נאָך מער ווי די ענגלענדער אַליין געגלויבט אין דער פיינער ענגלישער מידה פון „פעיר פליי“ און „קליען פייטינג“ — — —

און די נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע יידן אין ענגלאַנד און איבער דער גאָרער וועלט: איך וועל, גלויב איך, גאָרניט איבערטרייבן, ווען איך וועל זאָגן אַז די איצטיקע „אַנטי־בריטישע" שטימונגען און געשרייען צווישן מאַנכע שיכטן אין אַמעריקע קענען זיך גאָרניט פאַרגלייכן מיט די ענטוזיאַסטישע „פּראָ בריטישע" שטימונגען צווישן די נאַציאָנאַלע און אַנדערע יידן איבער דער גאָרער וועלט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע אָן ביז... דעם „ווייסן פּאַפּיר"...

פון באַלפור'ן האָבן יידן ניט גערעדט אַנדערש ווי פון כ'רש, דעם מאָדערנעם כ'רש... און דאָס ענגלישע פאָלק איז אין יענע יאָרן געווען אין די נאַאיווע האָפנונגפולע יידישע אויגן דאָס „צווייטע ביבל פאָלק"; ניין, אַ סך ענטוזיאַסטישע ציוניסטן זיינען געווען גרייט צו רופן די ענגלענדער דאָס „ערשטע ביבל פאָלק". (זיינען זייערע פּאַרלאַמענטאַרע רעדעס און צייטונגס אַרטיקלען ניט פול מיט פסוקים פון תנ"ך?) און פלעגן זען אין דער באַלפור דעקלאַראַציע דעם שידוך, צווישן די „צוויי גרויסע ביבל פעלקער" אין אַ גרויסער היסטאָרישער מיסיע.

און אַ סך ענגלישע יידן, וועלכע זיינען, קען מען זאָגן, שוין געווען גוט אַסימילירט און האָבן ווייניק וואָס געוואוסט פון די ליידן און האָפנונגען פון דעם מזרח אייראָפּעאישן יידנטום, זיינען געוואָרן ציוניסטן, ווייל ס'איז דאָך געווען „פּאַטריאָטיש־ענגליש" צו זיין ציוניסטיש, ווייל „די יידישע נאַציאָנאַלע היים" איז געוואָרן אַ טייל פון דער ענגלישער אויסערלעכער פּאָליטיק, צו וועלכער די פאַרטרעטער פון אַלע דריי פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן געגעבן זייער ענטוזיאַסטישע הסכמה...

אַלעס וואָס איז געווען ענגליש איז געווען „פיין און שיין" ביים ציוניסטישן און נאַציאָנאַלן יידנטום איבעראַל, וואָס איז אגב געוואָרן אַלץ ציוניסטישער צוליבן וואַקסנדיקן פאַשיזם אין אייראָפּע.

איך האָב דעם איינדרוק (איך בין געווען אין א"י פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה נאָך און לײדער ניט פון דעמאָלט אָן) אַז קיין ענגלישע שטאָדט, אויסער דעם גרויסן לאָנדאָן, האָט ניט אַזוי פיל גאַסן מיט ענגלישע נעמען ווי די איינציקע ריין יידישע שטאָדט תל אביב... און די ציוניסטישע פירער און אָפּישעלס פון ענגלאַנד האָבן זיי זיך געלערנט פּאָליטיק (פון וועמען זשע דען לערנט מען פּאָליטיק?) און דער ענגלישער פּאָליטיקער און „סיוויל סערוויס מען" איז געוואָרן דער אידעאַל פון יעדן ציוניסטישן פירער און אָפּישעל.

און ס'קאָן זיין אַז די איצטיקע יידישע „פייטערס" אין א"י האָבן זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט „פייטן" פון די ענגלענדער, קעמפנדיק מיט די ענגלענדער געגן דעם אַלגעמיינעם שונא — נאַצי פאַשיזם.

---

איך זאָג ניט דאָס אַלעס צוליב אַפּאָלאָגעטישע חניפה טעמים: צו וועלן באַווייזן אונזערע ענגלישע מיטבירגער ווי ווייט מיר האָבן זיי געאַכט; וואָס פאַר אַ גרויסע פאַרערשאַפט זיי טוען אַלץ, ווילנדיק צו ניט ווילנדיק, צו



פאַרלירן; אָדער אַפילו ניט צו באַווייזן ווי גרויס דער פּראַט עס איז פון דער איצטיקער רעגירונג בנוגע א"י.

איך האָב עס איצט געזאָגט, ווייל אַ סך מאָל, לייענענדיק די יידישע געשיכטע און די איצטיקע יידישע ווירקלעכקייט, דאַכט זיך מיר אַז „פּאַטריאָטיזם איז אין דער אמתן אַ יידישע זאַך, אַז קיינער קען, דאַכט זיך, ניט זיין אַזאַ פּאַטריאָט ווי אַ ייד איז, ווען ער בינדט זיך צו צו אַ לאַנד. דאָס איז ניט אַזוי פּאַראַדאָקסאַל, ווי עס קען זיך דאַכטן; ווייל נור די וואָס האָבן ניט קיין לאַנד קענען עס ליידנשאַפטלעך ליבן און שאַצן ווען זיי געפינען דאָס לאַנד. איך האָב געזען פּוילישע יידן ווי זיי האָבן ליב געהאַט זייער פּוילן און די דייטשע יידן — ביז זעלבסטלייקנונג; איך האָב געזען די אור אור אייניקלעך פון די שפּאַנישע אנוסים וועלכע זיינען נאָך עד היום, דאַכט זיך, פאַרבענקט און פאַרליבט אין דער שפּאַניע פון פאַר דער אינקוויזיציע — אין דעם שפּאַנישן לאַנדשאַפט, אין דער שפּאַנישער פלאַמאַנגאַ. דער יונג פאַרשטאָרבענער פיליפּ געדאַלאַ, דער פיינער ענגלישער היסטאָריקער, האָט, דאַכט זיך, געהאַט די פיינסטע קאָלעקציע רעקאָרדס פון שפּאַנישער פאָלקס און טאַנץ מוזיק — האָט ער נאָך ליב געהאַט די מוזיק פון זיינע ספרדישע אור אור עלטערן? די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז פול מיט פיינע לאַנדשאַפטן פון די חרובע יידישע לענדער און היימען. און אפשר ווייל זיי פאַרשטיין דאָס ניט זיינען זיי טאַקע חושד אָט דעם פּאַטעטישן, טראַגישן יידישן פּאַטריאָטיזם? באַזונדער די, וואָס קענען אַזוי לייכט מקריב זיין דעם „שיינעם נאָמען" פון זייער לאַנד צוליב מאָמענטאַלע בלינדע אינטערעסן און אַ עקלהאַפטע האַס־פּראָפּאַגאַנדע, געגן וועלכער מען האָט, דאַכט זיך, אַזוי ביטער און העראָאיש ערשט געקעמפט.

---

און „ס'זאָל קומען צו דעם"... און אויך אין ענגלאַנד.

און ווען: נאָך דער מלחמה נומער צוויי; נאָך די בעלסענס, נאָך די נירעמבערגער פּראָצעסן... נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען וואָס פאַר אַ קרימינאַלע מאַניאַקעס די פאַרשידענע פאַשיסטישע דיקטאַטאָרס זיינען געווען... איצט, העכער צוויי יאָר נאָך דער קריג מיט די נאַצי פאַשיסטישע לענדער, זאָלן „געוויסע עלעמענטן" פּרוּוון אַפילו אויפלעבן אויך אין ענגלאַנד די עקלהאַפטע פּראָפּאַגאַנדע פונם שענדלעכן שטרייכער.

„ס'זאָל קומען דערצו" — איך פאַרשטיי צו גוט וואָס מיין פריינט אין אַמעריקע פילט אַצינד. איך ווייס און פיל מיט די ענגלישע יידן, וואָס זייער ליבשאַפט און גלויבן אין ענגלאַנד און אין דעם ענגלישן גייסט פון „פעיר פליי" ווערט איצט פאַרשוועכט און באַליידיקט. „ס'זאָל קומען דערצו אין ענגלאַנד" — ווער האָט עס געגלויבט, ווער גלויבט עס נאָך? איך ווייס אַז דאָס אַלץ אין סענטימענטאַליזם: איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין דעם פּזמון אַז „דאָ קען זיך עס ניט טרעפן" — אין געוויסע אומשטענדן און באַדינגונגען קען זיך איבעראַל אַלעס — דאָס פיינסטע און דאָס געמיינסטע — טרעפן.

אין מיין טרויערדיקן שמועס „וועגן נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן" האָב איך געפּרובט אילוסטרירן ווי דין און עלאַסטיש די פאַרשידענע פיינע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן זיינען, און ווי אויסגעוועפּט זיי ווערן, ווי אויסגעלאָשן ווען זיי באַגעגנען זיך מיט האַרטע, ברוטאַלע אינטערעסן און עקלהאַפטער פּראָפּאַגאַנדע. און דאָך טוט עס זיי אַזוי ווי... איך וועל איצט ניט זאָגן „פאַר ענגלאַנד", ווייל ס'וועט קלינגען צו סענטימענטאַל־מעלאָדראַמאַטיש און „אזוי ניט ענגליש".

# אליהו פאלושאק

## א לא פורישקעוויטש
(עסיי)

עס זענען דאָ נעמען, פּשוטע נעמען פון מענטשן, וואָס ווערן מיט דער צייט אַ היסטאָרישער באַגריף אָדער סינאָנים פאַר גוטס אָדער שלעכטס, רייכקייט אָדער אָרימקייט, געדולד אָדער שטרענגקייט, ווילדע תאוות און טוגנדהאַפטיקייט.

ווען איך האָב באַקומען אין דער האַנט אַריין דעם נומער 862 פון „דהע ניו סטייטסמען ענד ניישאָן" פונם דרייצענטן סעפּטעמבער און האָב אויפן שערבלאַט געלעזן אַן אָפּשניט פונם עדיטאָריעל מיטן טיטל „מר. בעווין און די יידן" איז מיר פאַר חרפּה, פאַרדרוס און נידערגעשלאָגנקייט דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. אין דעם מאָמענט איז אין מיר פאַרגעקומען אַ פיזישע און פּסיכישע ענדערונג און ווי אַ בליץ איז מיר אַריינגעדרונגען אין מח דאָס וואָרט: אַ לאַ פורישקעוויטש!

אונדזער גרויסער קלאַסיקער שלום עליכם האָט אַמאָל צוגעטשעפּעט דעם ווייכן מילדן יידישן פּרויען־נאָמען גיטל צום האַרטן אומרחמנות'דיקן קאַצאַפּישן נאָמען פורישקעוויטש. און ווער עס קען דעם באַקאַנטן מאָנאָלאָג פון אונדזער גרויסן הומאָריסט, ווייס, אַז מיט דער דאָזיקער באַרייכערונג האָט שלום עליכם אונדז געשילדערט אַן ענערגישע, געפּלאָגטע און רירעוודיקע מאַמע, וואָס טוט אַלץ, וואָס זי קען, כּדי צו באַפרייען איר בן יחידל פון די זעלנער. דער נאָמען פורישקעוויטש אַליין איז באמת'דיק געוואָרן דער סינאָנים פון פּאָליטישן נאַציאָנאַלן האַס און פאַרפאָלגונגס־ווילן קעגן יידן בכלל און אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בפרט.

פורישקעוויטש איז נישט געווען סתּם אַ יחיד. ער האָט געהאַט אַ פּרעסע הינטער זיך און אַ גרויסע פראַקציע אין דער קייזערלעכער דומאַ. און ווען מען האָט געברויכט, איז אויך געשטאַנען הינטער אים, פאַר אים און אַרום אים די „טשאַרנאַיאַ סאטניא" (די „שוואַרצע הונדערט"), דער הייליקער סינאָד פון דער אָרטאָדאָקסישער קירכע מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו בראש און בתוכם און איבער זיי דער צאַר באַטיושקאַ אַליין.

און ער האָט גערעדט. דער אייפריקער פאַנאַטישער פורישקעוויטש, האָט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, געקלונגען, אַזוי איבערצייגנדיק פאַר זיינע אָנהענ־



גער. מען זאָגט, אַז ער איז געווען אַ היציקער ענטוזיאַסטישער רעדנער. אַזש די ווענט האָבן געציטערט! און געציטערט האָבן מיליאָנען אומבאַשיצטע רעכטלאָזע יידן.

צום גליק לעבן אַפילו פורישקעוויטשעס אויך נישט אייביק. און האָבן זיי שוין יאָ אַ לאַנג לעבן, זאָרגט די השגחה פּרטית דערפאַר, אַז זייערע פליגל זאָלן ווערן באַשניטן באַצייטנס אָדער זיי ווערן גאָר „בעלי תשובה".

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַ סוף געמאַכט צו פורישקעוויטשעס קאַריערע. מען זאָגט אַפילו אַז אומדירעקט האָט ער געהאַט אַן אַנטייל אין דער באַזייטיקונג פונם טרויעריק־באַרימטן ראַספּוטין. אפשר איז עס נאָר רכילות אָדער גאָר אַ ליגן. מען זאָגט אַפילו, אָבער דאָס איז נישט קיין ליגן, אַז נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פורישקעוויטש געזאָגט ווערטלעך: „אָפּגעדאַרט זאָל ווערן מיין רעכטע האַנט, אויב איך וועל אַמאָל עפּעס זאָגן קעגן פּאָליאַקן און יידן".

ערגעץ־וואו אין אַ מוזעאום אָדער פּריוואַטער האַנט מוז זיך נאָך געפינען אַ קאָפּיע פון דעם דאָזיקן בלעטל מיט בילדער, קאַריקאַטורן, קריגס־דעקלאַמאַציעס און צאַריסטיש־פּאַטריאָטישע שלאָגווערטער, וואו עס איז אויך געווען אָפּגעדרוקט דער גראַד דערמאָנטער ציטאַט פון דאַמאָלט. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. איך האָב נאָר געוואָלט דערמאָנען, ווי אַזוי דער עכטער פורישקעוויטש איז געוואָרן אַ בעל תשובה, ווען ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט ברויכן די הילף פון די יעווריעס.

איך ווייס נישט צי פורישקעוויטש האָט ביז צום סוף פון זיין לעבן געהאַלטן די געגעבענע שבועה און ווען נישט, ווייס איך אויך נישט, צו זיין רעכטע האַנט איז אים באמת'דיק געוואָרן אָפּגעדאַרט. ביי די פורישקעוויטשעס איז ניט נישט די האַנט געפערלעך, נאָר זייער מויל. זייער גאַנצער שכל ליגט ביי זיי אויף דער צונג. זייערע רייד קומען אַרויס ספּאָנטאַן, היציק, נישט איבערגעלייגט און ווירקן כלומרשט פאָלקסטימלעך. מערקווירדיק גענוג, געפינען זיי מייסטנטיילס אַ שטאַרקן אָנקלאַנג און אָפּקלאַנג ביי די נידריקסטע אָפּגעשטאַנענסטע פאָלקס־שיכטן, וועמענס כּח ליגט גראַד נישט אין זייערע רייד, אין זייער מויל, נאָר אין די ידיים...

ווייסט מען דען ביז צום היינטיקן טאָג, ווער ס'איז געווען דער אָריגינאַטאָר פונם עלילת־דם בלבול אָדער אַז יידן האָבן פאַר'סמ'ט די ברונעמס, דעם בלוטיקן בלבול אין דער צייט פון די גרויסע מגפות אין מיטלאַלטער? ניין, קיין איינפאַכער פּראָסטאַק איז עס באַשטימט נישט געווען. ס'איז געווען אַ פורישקעוויטש, אַ „געבילדעטער", אַ מענטש מיט אַ נאָמען, מיט אַ רעפּוטאַציע, וועמענס ווערטער עס האָבן אַריינגעדרונגען אינם פאָלק און האָבן אויפגעבושעוועט זיינע נידריקסטע ליידנשאַפטן און אינסטינקטן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — —)— — — — — — — —

וואָס אַזוינס האָט דער „ניו סטייטסמען ענד ניישאָן" געשריבן?

„די געשיכטע פון דער יציאה * איז איצטער פאַרענדיקט. ניין וואָכן איז עס געווען די הויפּט־נייעס אין דער גאַנצער וועלט, און האָט געבראַכט פאַר בריטאַניע די פאַראַכטונג פון אַלע ציוויליזירטע לענדער. ס׳איז נישט קיין סוד, אַז די גאַנצע אַפּערע האָט זיך אָנגעהויבן מיט בעווינס פּערזענלעכער איניציאַטיוו, און איז געפירט געוואָרן פון אים אַנטקעגן די גוטע עצות פונם פּאַלעסטינישן הויך־קאָמיסאַר און די שוואַכע פּראָטעסטן פון זיינע קאַבינעטס־קאָלעגן. זייענדיק איבערצייגט, אַז ער קעמפט קעגן אַ וועלט־קאָנספּיראַציע, טוט ער אַלץ מעגלעכע צו שאַפן אַזעלכע. און דערביי איז ער כמעט דער שקלאַף פון זיינע עמאָציעס פונקט אַזוי ווי די גייסטעס־שוואַכע טעראָריסטן פון דער שטערן־באַנדע, וואָס האָט געהאַט בדעה מיט אַ וואָך צוריק צו „באָמבאַרדירן“ לאָנדאָן. אין מאַרגייט האָט דער אויסערן־מיניסטער דערקלערט פאַר דער לייבאָר פּאַרטיי, אַז לויט זיין מיינונג זיינען די יידן אין אַ מלחמה צושטאַנד מיט דער נישט־יידישער (דזשענטייל) וועלט. (אונטערגעשטראָכן פונם מחבר). מיט זיין געפילסמעסיקער איינשטעלונג האָט ער אַרויסגערופן אַנטיסעמיטיזם דאָ אין לאַנד און געשאַפן אַן אויסרייד פאַרן טעראָריזם אין פּאַלעסטינע“.

אָט־אָ־דאָס האָט געשריבן דער „ניו סטייטסמען ענד ניישאָן“, אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון ערנסט בעווינס לינקע פריינט פון דער לייבאָר פּאַרטי און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין ענגלאַנד.

איך האָב געשפּירט פאַרדרוס, חרפּה און נידערגעשלאָגנקייט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער פאַראַנטוואָרטלעכער אויסערן־מיניסטער פון אַ דעמאָקראַטישער אַרבעטער־רעגירונג האָט געקענט זיין אַזוי אומבאַהערשט און פאַר דעם גרויסן פאָרום פון אַ לייבאָר פּאַרטיי קאָנגרעס אויסרופן, אַז לויט זיין מיינונג שטייען מיר יידן אין אַ מלחמה קעגן דער נישט־יידישער וועלט. ענלעכע אומפאַרשעמטע, נאַרישע און אידיאָטישע דעקלאַמאַציעס און באַשולדיגונגען האָבן מיר געהערט פון פורישקעוויטשעס רוסלאַנד, קוזיסטישן רומעניע, האָרטישן אונגאַרן, ענדעקישן פוילן און גאָר צולעצט פונם מעכטיקן אומהייליקן דרייבונד היטלער־געבעלס־שטרייכער, ימח שמם.

אַ סך פון אונדז קענען זיך דערמאָנען, וועלכע בייזע ווירקונגען ס׳האָבן אייביק געהאַט די אומבאַהערשטע ווערטער פון אַ פורישקעוויטש. אָבער פורישקעוויטש איז נישט געווען אַ דעמאָקראַט, נישט אַמאָל אַ פּראָגרעסיווער מענטש, נאָר אַ פינצטערער רעאַקציאָנער און אַ פאַרביטערטער שונא פון יושר קעגנאיבער אַנדערע פעלקער און אונטערדריקטע קלאַסן.

מען וואָלט געקענט שרייבן אַ סך, אַ סך וועגן די עמאָציאָנעלע עקספּלאָזיעס פון בעווינען קעגן אונדז יידן. עס געהערט אַ גרויסע מאָס חוצפּה און אומוויסנקייט צו ווען באַשולדיקן יידן, אַז זיי פירן אַ מלחמה קעגן דער נישט־יידישער וועלט. דאָס הייסט פאַרבייטן די יוצרות; דאָס הייסט פאַרוועקסלן סבה מיט ווירקונג. די וועלט און בעווין שיינען נאָך נישט צו האָבן באַגריפן,

---

*געמיינט איז די יציאת איירָאָפּע 1947



וואָס עס הייסט צו האָבן זעקס מיליאָן (יאָ, 6.000.000 אַ זיבן־שטעליקע צאָל!) קדושים, פאַרטיליקטע, פאַרניכטעטע, אויסגעראָטעטע, הונדערט טויזנטער אָדער אפשר מער אויסגעוואָרצלטע, היימלאָזע אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן . . . און דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די „גרויסע“ מלוכה מענער, די גבורים, די שטאַרקע, די האַרן פון דער וועלט באַזיצן נישט דעם גוטן ערלעכן ווילן צו לעזן די גרויסע מענטשלעכע פּראַגע לטובת די געליטענע, די געיאָגטע, דערנידריקטע און באַליידיקטע — רעשטלעך פון אונדזער פאָלק. אין זייער אומפייאיקייט צו לייזן די וויכטיקע הומאַנע פּראָבלעמען פאַרפאַלן זיי אין אַ מוט פון אומבאַהערשטקייט, און פּלאַצן אַרויס מיט דעקלאַמאַציעס און ווילדע באַשולדיגונגען אַ לאַ פורישקעוויטש.

דער דאָזיקער מין אויסרופן און אומבאַהערשטע באַשולדיגונגען פון די פורישקעוויטשעס און היטלערס פאַרשווינט נישט אינם לופטליידיקן רוים, אינם וואַקואום. זיי געפינען אַ געשווינטן אָפּקלאַנג אין דער מענטשלעכער קאַנאַליע, אין די פינצטערע הינטערגעסלעך . . .

עס האָט שוין מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אויסגעדריקט דער העלעניסט העלדערלין אין זיין געדיכט „אָוואַציעס“:

דעם המון געפעלט דאָס,<br>
וואָס עס פּאַסט פאַר אַ מאַרקפּלאַץ,<br>
און דער קנעכט גיט אָפּ כבוד<br>
דעם בעל כח.<br>
אין געטלעכקייט גלויבן נאָר די,<br>
וואָס זיינען געטלעך אַליין.

---

## נחום שטענצעל

## דער גולם האט דאס ווארט . . .

(צום אָנקומען פונם ערשטן ראָבאָט־עראָפּלאַן פון אַמעריקאַ)

שטיל און אָן טאַראַראַם, כמעט אויף די שפּיץ־פינגער, האָט זיך דער גולם צווישן אונדז אַריינגעשאַרט, אַזוי מיר נישט דיר נישט, און אָנגעזאָגט — אויף שטום־לשון מיט צוויי גלאָץ־אויגן — די בשורה אַז ער איז דאָ . . .

אַזוי ווי דאָס האָט זיך פאַרלאָפן: אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן, ווען די זון האָט קוים באַוויזן אַדורכצודרינגען מיט אירע ערשטע שטראַלן, האָבן מיר זיך געריבן די אויגן, צו זיין גאַנץ זיכער, צי עס איז דאָס דער אמת׳ער גולם, וועגן וועלכן מיר פלעגן זיך אָנהערן דערציילן, אַלס קינדער, אַז עס „איז אַמאָל געווען אַ גולם וועלכן מ׳האָט אונטערגעקלעבט דעם שם־המפורש און ער האָט פלוצים אָנגעהויבן פליען אינדערלופטן“ — — — —

אָבער, אויסגעריבן זיך גוט די אויגן — און דער גולם איז נאָך אַלץ געשטאַנען, גרויס און מעכטיק, סאָפּענדיק בלויז מיט זיין שווערן אָטעם, און

גלאַנצנדיק מיט זײַנע גרויסע גולמ׳דיקע, קײַלעכדיקע אויגן אין איין באַשטימטער ריכטונג. . .

ס׳איז געוואָרן קענטיק אַז ס׳איז נישט מער קיין לעגענדע, עפּעס אַ מעשה׳לע פאַר קינדערסוועגן, נאָר אַ רעאַליטעט — אַ באַשײַנפּערלעך „לעבעדיקער" גולם, וועלכער איז געקומען צו פליען פון ערגעץ־וואו, פון די „אַלדע גוטע כוחות", און וועלכער וועט פון אונז שוין נישט אָפּטרעטן — סײַדן ער וועט אונז נעמען קוטשע־קאַלב און ווידער צוריק אַוועק העט־ווײַט, צו אַלדע גוטע רוחות. . .

* * *

דער גולם גלאָצט אויף אונז אַזוי געזונט און אומשולדיק, מיט זײַנע צוויי לאַנגע הענט הענגענדיק אַזוי, ווי צוויי אַראָפּגעלאָזענע פליגל, וואַרטנדיק בלויז אויף אַ באַפעל — און אָט הויבט ער זיך ווידער אויף אינדערלופטן, וואו־אַהין מ׳וועט אים נאָר הייסן . . . ער וויל דאָך אונז אָרעמע מענטשלעכע באַשעפענישן בלויז העלפן; טראָגן אונז פון איין אָרט צום צווייטן — זאָל אַפילו זײַן פון איין עק וועלט צום אַנדערן — הויבן און שלעפּן אונזערע שווערע משאות; איז ער דאָך עפּעס אַ שטאַרקער, געזונטער גולם; אויף דעם איז ער דאָך געשאַפן געוואָרן. . .

נאָר מיר מענטשן שטייען ווי פאַרגליווערט פון שרעק, אַנשטאָט זיך צו פרייען מיט אים, מיטן צוגעשיקטן גולם; גיי און האָב פאַרטרויען צו אַ גולם, אַפילו צו אַ גוטן־אומשולדיקן; קיין שמייכל אויף זײַנע ליפּן; אַן אומבאַוועגליך פּנים מיט צוויי גרויסע גלאָץ־אויגן, אָן אַ ברעקל נשמה; פּאָרט אַ לײַמענער — כ׳מיין, אַ מעטאַלענער — גולם. . .

* * *

אָבער דער דאָזיקער גולם איז נישט דער לעגענדאַרער גולם, וועגן וועלכן מ׳האָט אונז דערציילט אין חדר; נישט אַ צדיק האָט אים באַשאַפן, און נישט דעם שם־המפורש האָט מען אים אונטערגעקלעבט.

דער היינט־צײַטיקער גולם איז באַשאַפן געוואָרן פון די נישט־גוטע אַליין, און די מחשבה, בשעת׳ן באַשאַפן אים, איז געווען אַ מחשבה־רעה, אַ בייזוויליקער געדאַנק. . . שוין אָפּגערעדט פון ראַטעווען יידן; ער איז אַפילו צו די גויים אויך נישט גוט געשטימט. . .

זײַן איינציקע „מעלה" איז וואָס אים איז קיין שום חילוק נישט אַ ייד אָדער אַ גוי, ער מאַכט נישט קיין שום דיסקרימינאַציעס — ער „גלייכט" זיי אַלע גאָר שטאַרק, ווײַל בײַ אים זענען זיי אַלע גלײַך, און גלײַכער אויסגעגליכן מיט אַ פּאָכע פון זײַנע שוואַרצע, שטאָלענע, לאַנגע פליגל־אָרעמס — — —

שטייט עס אַזוי אַ דערשראָקן־פאַרגליווערטס, דאָס מענטשעלע, פאַר דעם גולם־ריז, און קען פאַר פּחד דאָס מויל נישט עפענען, ווער שמועסט פון אַרויסרעדן אַ וואָרט, נאָך צו געבן עפּעס אַ באַפעל. . .

נו, אַז דער מענטש האָט פאַרלוירן ס׳לשון, האָט איצט דער גולם דאָס וואָרט. . .



מאַכט גאָרנישט אויס וואָס דער גולם קען נישט רעדן; דערפאַר קען ער אָבער אָנמאַכן אַ שטאַרקן ווינד און אַרויסלאָזן אַ משונה׳דיק קול פון אַ נישט־גוטן און אַוועקפליען ווי דער רוח טראָגט אים.

יאָ, ער איז אַזאַ פײַנטשיקער, געהאָרכזאַמער גולם; ער לאָזט אונז דערוואַקסענע קינדער, דריקן בײַ זײַנע גלאַנציקע, פּיל־פאַרביקע קנעפּלעך, ווי ווײַט נאָר אונזער האַרץ געליסט; און מיר דריקן טאַקע בײַ זײַנע קנעפּלעך, אָבער אָן שום פרייד אין אונזערע הערצער — מיט שרעק בלויז אַז אָט, אָט, און דאָס שפּיל־צײַג רײַסט אויף אין אונזערע הענט און מיר גייען אַלע אינדערלופטן . . .

פון אַלע תפילות אין די ימים נוראים איז פון מײַן געדאַנק נישט אַרויס, הײַ־יאָר, דער „אל תשליכנו ממך, ורוח קדשך אל תקח ממנו" — וואָס פאַר אַ באַדײַטנדיקער, זינפולער פּסוק, און ווי בלוטיק־אַקטועל אין אונזער עפּאָכע!

ורוח קדשך אל תקח ממנו — ס׳האָט דעם מענטשנ׳ס לעבן אַ גאָר קנאַפּע חשיבות אָן גייסטיקייט — אָבער גייסטיגקייט אַליין איז נאָך ווײַט נישט גענוג. אַז ס׳לעבן זאָל האָבן אַ תוכן און אַ תכלית מוז עס האָבן אויך קדושה — עפּעס מוז בײַם מענטשן זײַן הייליק פאַר וועלכן ער זאָל גרייט זײַן צו גיין אויף קידוש השם. . .

און אויב חלילה דאָס וואָרט פון אונז אַוועקגענומען ברויך מ׳דאָך דעם גאַנצן מענטש אויף טיש־און־ניינציק. . . איז אַ גולם אויך גוט גענוג. איז ער טאַקע געקומען אונז נעמען קיטשע־קאַלב.

* * *

יאָ, וואו נעמט מען איצט דעם גרויסן צדיק, וואָס זאָל מיט אַ מאַך פון דער האַנט, אָדער גאָר אַ הייליקן שפּרוך, פאַרטרײַבן דעם שטאָלענעם גולם צוריק אין זײַן רו אַרײַן?

מיר מוזן אים זוכן מיט ליכט„ דעם צדיק, שטאַרק זוכן, ביז מיר וועלן אים געפינען; אָבער קודם־כל מוזן מיר קענען ווידער אָנהויבן צו גלויבן אַז ער עקזיסטירט בכלל. . . ערשט דעמאָלט, איז „יגעתי ומצאתי תאמין". . .

לײדער, גלויבן מיר היינטצוטאָג נישט מער אין דער עקזיסטענץ פונם צדיק; שוין אַפילו נישט אינם צדקה תציל ממות — — — — —

דערפאַר האָט היינט דער גולם די מאַכט — דער שטאָלערנער גולם, דער ממזר פונם אַלטן עגל־הזהב, וועלכער ליגט טיף באַגראָבן אין „פאָרט נאָקס". . .

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1

## מאָסקווע — דער ליכט-זייל פון דער וועלט

ווען די פאַשיסטישע האָרדעס זיינען אין האַרבסט 1944 צוגעגאַנגען צו די שוועלן פון מאָסקווע, האָבן זיי אָנגעהויבן פילדערן, אַז זיי זען שוין אין די בייגאַקלען די מאַגיסטראַלן און פּלעצער פון דער הויפּטשטאָט, די האַרבסטיק־גאָלדענע בולוואַרן און די רובין־שטיינער פון די קרעמל־שטערן, — זיי האָבן אָבער ניט דערזען, אַז דאָ איז שוין געווען אונטערגעשריבן זייער טויט־אורטייל.

פאַרשכורטע פון לייכטע נצחונות, פריילעכע און האָפערדיקע, מיט דריי־פערטל אייראָפּע אויף זייער רויבערישער קאַנטע — האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. די ערד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אונטער זייערע פיס.

די טאַנקעווע קאַרפּוסן, וואָס האָבן דורכגעבראָכן פעסטונגען פון צען מלוכות און וואָס זייערע פאַנצערן זיינען געווען באַמאַלט מיט סימבאָלן פון רויב און פון גזלה, האָבן זיך גענומען שמעלצן אונטער דעם גליענדיקע אָטעם, אונטער דעם אומזיכטיקן ליכט, וואָס האָט זיך געריסן פון דעם סאָציאַליסטישן באַסטיאָן.

ווי אַ פעלז איז געשטאַנען מאָסקווע, געגורט מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר רעוואָלוציע. דורך דער אויסערלעכער פאַרטונקלטקייט האָט געזעצט אַן אינערלעכע שיין פון אַ סאָוויעטישן דור, וואָס זיין געווער האָט זיך געשליפן אין דריי רעוואָלוציעס: וואָס אויף זיין שווערד איז געווען אויסגעקריצט: גערעכטיקייט, פרייהייט, ברידערלעכקייט פון פעלקער!

ווי אַן אומצוטריטלעכער פעלז אין אַ צעבושעוועטן שטורם איז געשטאַנען מאָסקווע — די מוטער־הויפּטשטאָט פון די סאָוויעטיש רעפּובליקן. איבער איר האָט געשוועבט די עפּישע רויקייט פון דעם גרויסן לערער און פירער. און אויפן רויטן פּלאַץ האָט דער זייגער פון ספּאַסקער טורעם באַוועגט זיינע ווייזערס צו דער צוועלפטער שעה, וואָס, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די נאַציסטישע הענקער פון דער מענטשהייט.

* * *

דאָס באַגינענדיקע ליכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבער רוסלאַנד אין די אומפאַרגעסלעכע טעג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם וועג פון דער מענטשהייט אויף דורות, שיינט אַלץ העלער און שטאַרקער פון יאָר צו יאָר.

אונטער דער דאָזיקער שיין איז מאָסקווע אויפגעגאַנגען אין איר נייעם גורל, אַלס די קרוינשטאָט פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה, וואָס ביי די טישן פון אירע געזעצגעבערישע אָרגאַנען קומען זיך צוזאַמען אַרבעטער און פּויערים, אינטעליגענטן און שלאַכט-לייט, פאַרשטייער פון די סאָוויעטיש רעפּובליקן און צענדליקער פעלקער און שמידן מיט זייערע אייגענע הענט דעם גורל פונם לאַנד.



אונטער דער דאָזיקער שיין האָבן אין געמיינזאַמער מי און שאַפונג זיך אויסגעשטרעקט די הענט קאָזאַקן און אוקראַינער, גרוזינער און ווייסרוסן, אַרמענער און יידן — אַלע אין דער מוטערלעכער שויס פונם גרויסן רוסישן פאָלק, וואָס האָט דורך זיינע נאָבעלע זיגן אויסגעטראָגן אין אומדערמידלעכן קאַמף דעם גרעסטן טרוים פון דער מענטשהייט, וועלכער איז אָנגעטאָן געוואָרן אין לייב און אין בלוט דורך דעם גרעסטן מאָן פון אונדזער עפּאָכע — סטאַלין.

אונטער דער דאָזיקער שיין האָט מאָסקווע אויפגעהויבן דאָס לאַנד, וואָס איז צעשפּרייט אויף אַ זעקסט־חלק פון דער ערד, צו דער פאַרגעשריטנסטער מלוכה אין דער וועלט, וואו עס איז אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן פיזישער און גייסטיקער מי, וואו עס איז בטל געוואָרן דער אונטערשייד אינעם קולטור־לעבן צווישן דאָרף און שטאָט.

אונטער דער דאָזיקער שיין האָבן אויפגעבליט די מעכטיקע און וואונדערלעכע פינף־יאָר, וואָס האָבן געגעבן דעם לאַנד פליגל, עס אָנגעטאָן אין סאָציאַליסטישע אומצוטריטלעכע פאַנצערס און דערמעגלעכט דעם גלענצנדיקן זיג איבער דעם געפערלעכסטן שונא פון דער מענטשהייט — איבער דעם פאַשיזם.

אונטער דער דאָזיקער שיין איז אויסגעוואַקסן אַ נייע סאָציאַליסטישע קולטור און קונסט, אַ נייע סאָוויעטישע ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן דער אָנזאָגער פון דער נייער סאָציאַליסטישער מאָראַל, פון נייע עטישע פּרינציפּן און נאָרמעס, וואָס דרינגען אַרויס פונעם געמיינזאַמען קאַמף פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט, פון דורכגעפלאָכטענע געמיינזאַמע מאַטעריעלע און קולטור־אינטערעסן ביי אַלע פאַרברידערטע פעלקער פונעם לאַנד.

צו דער דאָזיקער שיין זיינען געווענדט די בליקן פון אַלע אונטערדריקטע אין דער וועלט, ווי צו דער איינציקער האָפנונג פון דער מענטשהייט.

* * *

פאַר קנאַפּע דרייסיק יאָר האָט מאָסקווע אַראָפּגעשלידערט פון זיך דעם אַלטן דורות׳דיקן אָנבליק און האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אין אַ נייער אַרכיטעקטור־פאָרמאַציע, ברייטע פּראָספּעקטן און גערוימע פּלעצער, באַפּוצטע מיט גרינס און מיט שפּרודלדיקע פאָנטאַנען. שטרענגע הייזער־אַנסאַמבלען ציען זיך אין דער ווייט און אין דער הויך. עס אָטעמט פון זיי אַ מיט מעכטיקייט אַ מיט געמיטלעכקייט. אין דעם גערויש און אין דעם באַוועגונגס־טעמפּאָ פון די גאַסן גיסן זיך ריטמיש און האַרמאָניש אַריין קלאַנגען פון צענדליקער שפּראַכן. מיט די פריילעכע קאָלירן פון דער שטאָט מישן זיך אויס די פאַרביקע נאַציאָנאַלע קליידער פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס מאָסקווע איז פאַר זיי די זעלבע לייבלעכע מאַמע הויפּטשטאָט, ווי די הויפּטשטעט פון זייערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן.

ווען מען גייט דורך, דורך דער יום־טוב׳דיקער גערוימער גאָרקי־מאַגיסטראַל, נעבן דעם פּושקין־פּלאַץ, וואָס זעט אויס, ווי אַ גרויסע קרישטאָלענע וואַזע מיט בלומען, וואו עס הויבט זיך דער בראָנזענער פּושקין־מאָנומענט,

דאַכט זיך אויס, אַז דער גרויסער דיכטער האָט עס אַראָפּגענומען די הוט כדי זיך צו פאַרנויגן פאַר דער סאָציאַליסטישער קרוינשטאָט, און הערט זיך איין אין דעם יוגנט פריידיקן גערויש פונעם סאָוויעטישן פאָלק, וואָס בויט מיט אומגעהויער טעמפּאָ אויף זיין פאָטערלעכער ערד די צוקונפט פון דער מענטשהייט.

מאָסקווע — דער גרויסער ציטאַדעל פון סאָציאַליסטישן הומאַניזם איז באַהויכט מיט דעם גייסט פון דענקער, דיכטער און געלערנטע.

שטרענג און פייערלעך, ווי אַ גראַניט פאָדער־בלאַט פון רוסלאַנדס נייער געשיכטע, ליגט דער רויטער פלאַץ אונטער דעם שפּיגלדיקן מירמלשטיין פונעם לענין־מאַוזאָליי. אין דעם גרעסטן רעש פון דער קרוינשטאָט ווערן דאָרטן די טריט פון זיך אַליין שטילער. מיט שטרענגער פייערלעכקייט רעפלעקטירן אויף דער גאַנצער שטאָט די אַלטע קרעמל־ווענט מיטן געביין פון די לעגענדאַרע גבורים צוקאָפּנס פונעם מאַוזאָליי, אַריינגעוואַקסן אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער און ציענדיק זיך אין יאָרהונדערטער פאָרויס. און ווי אַ גרינע אייביק־יונגע ערן־וואַך זעען אויס די יונגע יאָדלע־ביימלעך ביי דער וואַנט. יעדער שטיין אויף אָט דעם וואונדערלעכן פלאַץ האָט אין זיך פאַרהיט דעם אָפּהילך פון דורות. אויף דער טריבונע פונעם לענין־מאַוזאָליי קומען די שמידער פון דעם מענטשלעכן גליק מיט סטאַלינען בראש אויפנעמען פאַראַדן אין די גרויסע סאָציאַליסטישע פייער־טעג און יום־טובים, אויף וועלכע ס׳באַטייליקט זיך דאָס פאָלק, אויף וועלכע ס׳קומען קינדער מיט בלומען פאַר דעם באַליבטן פירער און פאָטער פון פעלקער און אויף וועלכער ס׳קומען עסטאַפעטעס פון דער גאָרער וועלט אַ קוק טאָן זיך צו דעם אָרט, פון וואַנען ס׳איז אין פייער פון רעוואָלוציעס אויפגעגאַנגען דער אמת פון דער מענטשהייט, זיך פאַרנויגן און זיך אָנשעפּן מיט מוט, מיט באַגייסטערונג און מיט גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פון דער גערעכטיקייט.

און אַזוי ווי סימבאָליש שטראַמט אַרויס פון דעם רויטן פלאַץ דער וואונדערלעכער פּראָספּעקט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן שרייבער מאַקסים גאָרקי, דעם נביא׳ישן אָנזאָגער פון סאָציאַלע שטורעמס, דעם מסירת נפש׳דיקן קעמפער פאַרן גליק פון דער מענטשהייט; ער שניידט זיך אַדורך, דער פּראָספּעקט, איבער דער מעכטיקער ברוסט פון דער הויפּטשטאָט, און דורכשטראָמענדיק פאַרביי דעם פּושקין־מאָנומענט, אויף וועלכן עס קוקט פונעם אַרבעט דורך דעם געדיכטן קוטשעראָווע גרינס פון צוויי בולוואַרן און איבער דעם קאָפּ פון טימיריאַזיעוו ניקאָליי וואַסיליעוויטש גאָגאָל, טראָגט ער זיך ווייטער צום מאַיאַקאָווסקי פלאַץ, צום דענקמאָל־אָרט פונעם טאַלאַנטפולסטן דיכטער פון דער רעוואָלוציע, וועמעס בריענדיקע פערזן זיינען געוואָרן שלאַכט־לאָזונגען פאַר די פאַרגעשריטענע קעמפער מיט דער אַלטער דורכגעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אָט אַזוי איז זי אויפגעגאַנגען, די פּראָלעטאַרישע הויפּטשטאָט פאַר די ערשטע דרייסיק יאָר פון דער סאָוויעטן־מאַכט — ניט נאָר אין וואונדערלעכן



אינדוסטריעלן פאַנאַנדערוואוקס, ניט נאָר אין איר נייער סאָציאַליסטישער אַרכיטעקטור, ניט נאָר אין דעם גלאַנץ פון אירע ווערטיקאַלע בוי־טענדענצן און אונטערערדישע פּאַלאַצן, נאָר — פריער פאַר אַלץ — אין איר נייעם סאָציאַליסטישן גייסט.

און מיר זיינען שטאָלץ דערמיט, וואָס אויך אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאַלן דער כבוד צו זיין מיטשעפער פון אָט דעם גראַנדיעזן סאָציאַליסטישן געבוי, וואָס אין דעם אָרקעסטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אויף וועלכע עס ווערט געשאַפן די נייע, די מענטשלעכסטע קולטור, קלינגט אויך אונדזער יידישע שפּראַך, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע אין דער ברידערלעכער סאָוויעטישער פעלקער־משפּחה.

• • •

ס׳איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען:

מאָסקווע איז ניט נאָר דער נאָמען פון אַ שטאָט.

מאָסקווע איז דער סימבאָל פון פרייהייט. דער אויסדרוק פונעם סאַמע געוואַגטן מענטשלעכן געדאַנק. דער נאָבעלער מרגל פון דער צוקונפט, דער שרעקלאָזער ריטער פון גייסט. די האָפענונג פון דער מענטשהייט.

זייענדיק די מוטער־קרוינשטאָט פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן, האָט זי אויפגעוועקט אין יעדערער פון זיי דעם שוואונג פון אָדלערס אין דער נייער סאָציאַליסטישער איבערגעשטאַלטיקונג פונעם לאַנד.

זי האָט זיי אָנגעזאַפּט מיט גייסט פון געראַנגל, זיי געלערנט גובר זיין שטערונגען, ביישטיין נסיונות און טראָגן הויך דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און די גרענעצלאָזע ליבע צום פאָטערלאַנד.

אונטער די מוטערלעכע פליגל פון מאָסקווע האָבן אופסניי זיך צעבליט אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. ווי פון אַן אוראַלטן דרימל האָבן אויפגעוואַכט די אוזבעקן און די קאַזאַכן, די טורקמענער און די קירגיזן. אָפּגעפרישטע אין דער גרויסער אָקטאָבער רעוואָלוציע, האָבן מיט אַ דריי מאָל געשטאַרקטער שטים אַ רייד געטאָן די קאַווקאַזער פעלקער פון אייזערביידזשאַן, אַרמעניע און גרוזיע, אַרויסגעריסענע פון די פאַשיסטישע טויט־שטייגן, צובליען זיך אין דער ברידערלעכער פעלקער־משפּחה ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד.

און די האַרמאָניש־צוזאַמענגעגאָסענע שטימען פון די פרייע סאָוויעטישע פעלקער, וואָס קלינגען אָפּ אין דער וועלט, פליסנדיק פון די ברייטע קאָלווירטישע פעלדער, פון די גיגאַנטישע זאַוואָדן, פון די אוניווערזיטעטן, פון די אַקאַדעמיעס, פון דער ליטעראַטור, פון די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, פון די טעאַטערס, פון דער מאַלעריי און מוזיק — דאָס אַלץ שטעלן מיט זיך פאָר דאָס פּרינציפּיעל־נייע וואָרט, דאָס אויסגעטראָגענע און אויסגעשמידטע אין קאַמף און אין געראַנגל קעגן דער פאַרקנעכטנדיקער פינצטערניש פון די פאַרשידענע רעאַקציאָנערע „מערב־אידעאָלאָגיעס“, וואָס זייענדיק דורכגעפוילט דורך און דורך, באַמיען זיי זיך מיט אַלע כוחות פאַרגיפטיקן און פאַר׳סמ׳ען דעם באַוואוסטזיין ביי וועמען ס׳לאָזט זיך נאָר.

דאָס דאָזיקע נייע וואָרט איז — דער הימן דעם פרייען מענטשן, זיין ניט־צוגעצוימטע געדאַנק, זיין שעפערישער מי, זיין אומדערמידלעכן שטייגן באַרג־אַרויף, — דאָס איז די גייסטיקע באַזיניקונג פון יאָרצענדליקער שטרייט און קאַמף, די לעבנס־באַשטעטיקנדיקע פילאָזאָפיע פון באַוועגן זיך פאָרויס און אַנטפּלעקן נייע וועגן פאַר דעם גליק פון דער מענטשהייט.

די וועלט האָט עס געהערט אויף די צווישן־פעלקערלעכע קאָנפערענצן, ס׳האָט דורכגעקלונגען אין די אַרויסטרעטונגען פון די סאָוויעטישע דעלעגאַציעס, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן די רעכט, וועגן דער אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט פון די סאַמע קלענסטע פעלקער.

אָט דאָס איז מאָסקווע.

מאָסקווע! — דאָס איז דאָס העלע אומפאַרלעשבאַרע ליכט, אויף וועלכן ס׳קוקן מיט טרייסט און מיט האָפענונג די אונטערדריקטע און באַרויבטע פעלקער פון דער גאָרער וועלט. דאָס ליכט, וואָס איז סימבאָליזירט אין די לייכטטורעמדיקע שטערנס איבער דעם מאָסקווער קרעמעל.

## י. וו. פאדאלסקי

צום רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן“.

חשוב׳ער רעדאַקטאָר,

איך וועל אייך זער דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט אַזוי גוט זיין און געפינען פלאַץ אין אייער חשוב׳ן זשורנאַל, צו דרוקן מיין ענטפער צו מר. גאָלדשמידטן אויף זיין אַרטיקל „שוין ווידער“ וועלכעס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „די צייט“.

מיט דאַנקבאַרקייט און דרך־ארץ,

י. וו. פאדאלסקי.

## זשורנאליסטישע מעטאדן

אַזוי ווי די „צייט“ האָט געגעבן די מעגלעכקייט מר. ש. גאָלדשמידט צו ענטפערן אויף מיינעם אַ פריוואַטן בריוו צו אים, האָב איך מיר גענומען דאָס רעכט צו ענטפערן אויף דעם זעלבן אופן אין די עמודים פון אונזער חשובער טאָג־צייטונג „די צייט“. ליידער האָט „די צייט“ ניט געפונען פאַר נויטיק צו דרוקן מיין ענטפער צו מר. גאָלדשמידטן אויף דעם זעלבן אופן. דאָס אַרטיקל „שוין ווידער?“ איז געווען געדרוקט אין „די צייט“ פון זונטאָג דעם 31טן אויגוסט.

קודם כל וואָלט איך אָבער געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף געוויסע מעטאָדן, וואָס, ווייזן מיר ניט אויס צו זיין אין הסכם מיט דער אחריות פון ערנסטן יידישן זשורנאַליזם. אַזוי למשל וואַרפט מיר מר. גאָלדשמידט פאָר אַז איך האָב אים געשריבן מיין בריוו פון באַרנמוטה און ניט פון סורינאַם. ער אַליין האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופן פון דעם הייסן באָדן פון תל־אביב נאָר דווקא פון אַ בכבודיקן קאָורט אין לאָנדאָן. איז וואָס איז דער חילוק?... ווייטער



ברענגט ער מאַטעריאַלן וואָס דאַרפן מכלומרשט שטיצן זיינע אַרגומענטן קעגן אַ קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם ניט אָנגעבנדיק אויף אַ קאָרעקטן זשורנאַליסטישן אופן, פונוואַנען ער נעמט זיי. אַזוי למשל שטאַמט איין ידיעה פון „אַ יידישן עסקן אין פוילן“, אַ צווייטע ידיעה שטאַמט פון „אַ האָלענדער וועלכער האָט דאָרט (אין סורינאַם) פאַרבראַכט אַ לעבן“. ווייטער שטיצט ער זיך אויף געוויסע בריוו, וואָס ער האָט ליגן פאַר זיך און וואָס, פאַרשטייט זיך, ברענגען אַלע אַרגומענטן קעגן סורינאַם.

איך צווייפל ניט אַז מר. גאָלדשמידט איז אַ פיינער מענטש און אַן ערלעכער זשורנאַליסט און דערציילט ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַכן. פונדעסטוועגן ווייסט מיר אויס, אַז ווען מען וויל ברענגען באַווייזן אין אַזאַ וויכטיקן ענין, זענען זיך קאָרעקטע זשורנאַליסטן נוהג אָנצוגעבן די נעמען און אַדרעסן פון די דערמאָנטע עדות. ווען ניט, וואָלט אַ לעזער, וואָס קען מר. גאָלדשמידטן ניט אַזוי גוט ווי איך, געקענט מיינען, אַז ער האָט זיינע מעשות אויסגעזויגן פון פינגער.

אָט למשל האָב איך אויך אין מיין באַזיץ אַ בריוו פון אַ יידישן עסקן אין פוילן, און ווי אויף צו להכעיס אויך אַ בריוו פון אַ האָלענדער פון סורינאַם. אָבער איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט באַנוצט אַלס אַ באַווייז אין אַ פאָלעמיק.

די פריילאַנד־ליגע האָט אַ מאַסע בריוו מיט פאָטאָגראַפיעס פון די לאַגערן אין אייראָפּע, פון וועלכע מען קען זען בפירוש, אַז דאָרט איז דווקא פאַראַן אַ געוויסע באַוועגונג פאַר דעם נייעם קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. די פריילאַנד־ליגע און די מענטשן אין די לאַגערן האָבן זיך אָבער ניט באַהאַלטן און זענען ניט געבליבן אַנאָנים, נאָר פאַרקערט, אונזערע פריילאַנד־אָרגאַנען: סיי דער יידישער „אויפן שוועל“, סיי דער ענגלישער „פרילענד“ און סיי דער אויסטראַלישער „דזשואיש פאָרום“, האָבן אָפּגעדרוקט די בריוו ווערטלעך לויט דעם אָריגינאַל מיט די נעמען און אַדרעסן פון די שרייבער.

אונטער די דאָזיקע אומשטענדן איז אַ ביסל שווער צו פאָלעמיזירן מיט גאָלדשמידטן, ווייל אונזער פאַקטישער מאַטעריאַל האָט, ווי זאָל איך זאָגן, אַ פאַרשידענעם דאָקומענטאַרישן ווערט. אַ ווייטערדיקער סימן, אַז מר. גאָלדשמידט איז זיכער אַ געשיקטער זשורנאַליסט, אָבער ניט גאַנץ אַקוראַט אין איבערגעבן דאָס, וואָס ער האָט כלומרשט געהערט אין זיין באַמערקונג וועגן זיין שמועס מיט דעם אויסטראַלישן מיניסטער קאַלוועל. איך דערקלער אַז לויט דעם אָפיציעלן פרעסע־באַריכט האָט מיניסטער קאַלוועל ניט דאָס געזאָגט וואָס מר. גאָלדשמידט באַהויפּטעט. ווייזט אויס אַז ער (מיניסטער קאַלוועל) האָט אים דאָס מודיע געווען אין אַ פריוואַטן געשפרעך. מוז מען, הייסט עס, ווייטער גלויבן, אַז מר. גאָלדשמידט פאַרמאָגט אַזעלכע זשורנאַליסטישע קוועלן, וואָס אַנדערע זשורנאַליסטן האָבן זיי ניט. אָבער זשורנאַליזם איז ניט קיין ענין גלויבן נאָר פון פאַקטן. עס איז אַ פאַקט אַז מיניסטער קאַלוועל האָט ניט געקענט זאָגן דר. שטיינבערגן אין ניו־יאָרק, אַז „אויסטראַליע וויל ניט די דאָזיקע פלענער“ שוין פשוט דערפאַר ווייל מיניסטער קאַלוועל איז ניט געווען אין

ניו־יאָרק און האָט ניט גערעדט מיט דר. שטיינבערגן. קיין ווייטערע באַווייזן אין דעם ענין, מיין איך, דאַרף מען ניט. ווייטער האָט מיניסטער קאַלוועל ניט געקענט זאָגן, אַז אויסטראַליע האָט אַריינגעלאָזן אין די צוויי יאָר נאָך דעם קריג 15,000 יידן היות די דאָזיקע ציפער איז אַ ווילדע באַהויפּטונג און סטאַטיסטיש פאַלש. די פריילאַנד־ליגע איז גרייט אָנצופרעגן ביים מיניסטער, וועלכע אינפאָרמאַציעס ער האָט געגעבן מר. גאָלדשמידטן, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטצושטעלן די ריכטיקייט פון גאָלדשמידטס באַריכט. עס איז קלאָר, אַז אויף אַזאַ אופן, מיט סענטימענטאַלע קלאָץ קשיות און אַנאָנימע באַהויפּטונגען פון ערגעץ אַ קאָד־לעפל אין פוילן, קען מען ניט פירן קיין דיסקוסיעס וועגן אַזאַ וויכטיקער היסטאָרישער געשעעניש, וואָס אין אַמעריקע האָט זי צוגעצויגן גרויסע מאַסן אָנהענגער אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ניט צו לעצט אין די רייען פון דעם „אַרבעטער רינג“.

ווי עס זאָל ניט זיין, אין איין פונקט זענען מיר אָבער אייניק. אַפילו מר. גאָלדשמידט גיט עס צו: די האָלענדישע רעגירונג און די לאָקאַלע רעגירונג פון סורינאַם האָבן אָפיציעל און וואַרעם געגעבן זייער הסכמה אַריינצולאָזן 30,000 יידן פאַר אַ קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע.

מר. גאָלדשמידט פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט דעם וויכטיקן פאַקט געקענט בעת ער האָט מיטגעטיילט וועגן זיין שמועס מיט מיניסטער קאַלוועל. מיר זענען גרייט אים אויך דאָס צו גלויבן. וואו אָבער בלייבט די זשורנאַליסטישע פליכט, צו באַקענען דעם לעזער מיט נייעסן, אויב אַפילו זיי זאָלן דעם אָדער יענעם זשורנאַליסט ניט זיין פערזענלעך צום האַרצן?

## רעדאקציע נאטיץ

* יהודה האזרחי איז אַ העברעאישער שרייבער, וועלכער איז יעצט לאָנדאָן ווי אַ בעאַמטער אין דער יידישער אַגענץ. די דערציילונג „שמריהו“ ווי די ערשטע דערציילונג פון אַ סעריע מיטן קעפּל „חברים“.

** מנחת כהן איז אַ פסעוודאָנים פון אַ רב אין דער ענגלישער צאָנע אין דייטשלאַנד, וועלכער שרייבט רעליגיעזע און דידאַקטישע לידער.

## מיטטיילונגען איבער די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 14טן אָקטאָבער דער טראַדיציאָנעלער שבת חול המועד סוכות. שלמה אויערבאַך וועט ריידן איבער קהלת און אייזיק גאָלדבערג וועט ליינען שמחת תורה דיכטונגען.

שבת, דעם 11טן וועט דער פאָרזיצער פון „ועד הלשון“ אין ארץ־ישראל ד"ר שמואל אייזענשטאַדט האַלטן אַ פאָרטראַג: „די נייע אָריענטאַציע אין יידישן לעבן.

שבת, דעם 18טן געווידמעט י. א. ליסקי צום דערשיינעם פון זיין נייעם בוך: „מלאכה בזויה“.

שבת, דעם 25־טן וועט אליהו פאַלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער פּאָליטישער סיטואַציע און דער אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד.



לאָנדאָן דעם 2־טן אָקטאָבער, 1947.

## צום ארגאניזיר-קאמיטעט פונם אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאנגרעס

175 East Broadway, New York, 2.

חשובע פריינט,

מיר באַשטעטיקן מיט דאַנק אייער איינלאַדונג צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. אַזוי ווי מיר האָבן אַ בשותפות'דיק סעקרעטאַריאַט מיט „פריינט פון יידיש לשון“ האָבן מיר אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג תיכף באַשלאָסן אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנגרעס. ווייטערע ידיעות וועלן נאָכקומען.

אויף אייער בקשה אייך מיטצוטיילן אַדרעסן פון חשובע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, שיקן מיר אייך די פאָלגנדיקע אַדרעסן: עס פאָלגן אַדרעסן פון 1) „בן־אורי“ קונסט גאַלעריע, 2) בילדונג־קאָמיטעט פונם אַרבעטער־רינג, 3) אַנגלאָ־פּאַלעסטיניאַן קלוב און 4) יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין, לאָנדאָן.

מיט פריינטלעכע גרוסן און דרך ארץ,

אליהו פאַלושאַק


די באַקאַנטע אַקטריסע און וואָרט־קינסטלערין

**ניסיא גאלד**

וועט דעם 7 אָקטאָבער, 7.30

אין קינגסוועי האָל

און דעם 20 אָקטאָבער 7.30

אין דאָלסטאָן האָל

רעציטירן און דעקלאַמירן: מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, פרוג, ביאַליק שלום אַש, לייוויק, פעפער, ד"ר ציפור א.א. פריינט פון יידיש וואָרט טרעפן זיך ביי די ליטעראַריש קאָנצערט אָוונטן

**משנה מקום משנה מזל**

**חזן רייטער** דער גוט באַקאַנטער משכיל און בר אורין און זיין **פרוי** אַקטיוו אינם לאָנדאָנער געזעלשאַפטלעכן לעבן, זענען אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע. מיר ווינטשן זיי אַ גליקלעכע רייזע און גוטן ערפאָלג אין זייער נייער היים.

**צבי ארענשטיין**

די סוף חודש־אָוונטן פון פריינט פון יידיש לשון ביים „בן אורי“.

**בן אורי קונסט גאלעריע**

14, פאַרטמאַן סטריט, וו.1.

זונטיק, דעם 26־טן אָקטאָבער, 1947

אינם לאָקאַל פון „בן־אורי“

אַ יידישער פאָלקלאָר און פאָלקס לידער־אָוונט

מיט דער באַקאַנטער זינגערין

**חנה מעצגער**

און איר פיאַנאָ באַגלייטער

פ ו י ל  ל י כ ט נ ש ט ע ר ן

איינפירונג:

א. נ. ש ט ע נ צ ל

איינטריט פריי. טיי וועט סערווירט

**א צאתכם לשלום**

פאַר אונזערע פריינט **חזן רייטער** און **פרוי** צו זייער אָפּפאָרן פון ווייטשעפל קיין קאַנאַדע.

**פריינט פון יידיש לשון**

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט פון „לשון און לעבן"

ווי א פעריאָדישע אויסגאבע, ערשט ווי א שמאָל דין־העפטל פון אכט זייטן און איצטער אלס זשורנאל פון 64 זייטן טרעטן מיר אריין אינם אכטן יאָר־גאנג. ווען אונדזערע לעצטע צוויי אויסגאבעס זיינען דערשינען מיט עטלעכע זייטן ווייניקער איז עס מחמת דער קנאפהייט פון פאפיר און די אלגעמיינע באגרעניצונגען פאר רווישטאָפן.

פון אָנהייב אָן פונם ארויסגעבן פונם ערשטן העפטל ביז צום לעצטן נומער פונם איצטיקן זשורנאל קומט עס אונדז אָן מיט קריעת ים סוף. אין די לעצטע חדשים זיינען מיר אריין אין חובות ביים דרוקער. מיר האָבן אונדזערע פריינט און חברים נישט אלאמירט. דער זשורנאל איז יעדן חודש טראָץ אלע שוועריקייטן פינקטלעך דערשינען.

כדי ווייטער צו קענען אָנהאלטן דעם געהעריקן סטאנדארד (איר ווייסט גאָרנישט ווי ווייט עס טוט א רעדאקטאָר אָפּצולייגן א ליד, א דערציילונג, פון חודש צו הודש פון א באקאנטן שרייבער — 16 זייטלעך, אויסגעלאָזטע, קענען דעם חסרון ממלא זיין!) בעטן מיר אודנזערע אבאָנענטן אָן אויפפאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס'איז בכח פאר א יאָר אין פאָראויס.

מיר בעטן די אבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן" צו פילן א חוב צו שאפן פרישע לייענער און אבאָנענטן פאר אונזער פעריאָדישע אויסגאבע.

די דאָזיקע באשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאלטן און צו פארגרעסערן די אויפלאגע און אזוי ארום אויך פארשפרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אנאָנסן. אויך דאָס קען זיין א בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער ארבעט.

מיר טיילן אייך מיט, אז עס איז געבילדעט געוואָרן א געמיינזאם סעקרעטאריאט פון „לשון און לעבן" און „פריינט פון יידיש לשון", אָנגעפירט פון אונדזערע מיטארבעטער יהודה ביעטש און אליהו פאלושאַק.

אין אלע ענינים, אָנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, E.8. London.


### אין דער בוכבינדעריי פון מ. מינדעל

ווערן אויסגעפירט אלערליי ארבעטן, אלטע און נייע, לויט יעדענס פארלאנג

M. MINDEL 11 WOODSEER ST., E1. (BRICK LANE) *Phone*: *BIS*. 2647



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אָקטער יאָרגאנג — נאָוועמבער 1947 לאָנדאָן — נומער 11 (העפט 94)


## צום נייעם סעזאָן פון אונזערע יידישע טעאטערס

1. לכבוד אונזערע צוויי אקטריסעס עטא טאָפּל און חנה צעלניקער און איבער אונזערן לאָנדאָנער בית־דין

אונזערע ביידע יידישע טעאטערס, סיי דאָס „מלוכה־טעאטער" און סיי די „חברים־גרופע"־טעאטער, פירן ביידע אויף: כאנטשע פאָרט קיין אמעריקע". ד.ה. די הימל־שרייענדיקע פלאקאטן זיינען פארשידן און יעדער וואָך לייענען זיי זיך לויט אָן אנדערן טראָפּ און לויטן קוועטש פון די סטארס, אָבער אין ביידע טעאטערס הייבט זיך דאָס ספעקטאקל אָן יעדע וואָך אין דער אלטער היים און „דער בוידעם לאָזט זיך אויס" — אין אמעריקע.

אָבער עפּעס האָט אין יידישלעכן טעאטער לעבן דאָך גענומען א שטיקל ווענדונג צום גוטן: מ'האָט אויפגעהערט צו טשאקען מיט „ליטעראטור" און „קולטור" און מיט שווימענדיקע שיפן, שוימענדיקע סמעטענע וואָס שיפן זיך דירעקט פון אמעריקע... די גויאישע גאזעטן, וואָס זיינען איצט טרוד מיט שווימענדיקע מעפילים און יידישע מלוכה, האָבן אפנים, איצט בילכערע בלאָפס ווי שווימענדיקע „מלוכה"־טעאטערס.

און אפשר איז די נייע קאָנסטעלאציע פון אונזערע סטארס אָן אמתע מזל ברכה (קודם פאר די קאָסעס...), ווייל צווישן אונזערע סטארס זיינען פאראנען צוויי „לידינג לײדיס" — וואָלט אזא פלוצלינגדיקע קאָלאָסאלע ענדערונג, ווי אצינד אין אונזער יידישן טעאטער אין ווייטשעפל, געשען אויפן הימל, וואָלט די גאנצע וועלט זיכער חרוב געוואָרן! אָבער דערפאר איז דאָך אויפן הימל נאָר פאראן איין „לידינג־ליידי" — איין ווענוס.

וואָלטן אונזערע ביידע טעאטערס כאָטש איינמאָל איצט, צום „סורפרייז", אויפגעפירט א „שולמית", א מירעלע אפרת", וואָלטן אונזערע שטערנס ווידער אויפגעשיינט מיט ביידע פארלוירענע וועלטן

אז א פארכמורעטער פרצדיקער „בערל כאנטשעס" זיצט צווישן עולם, סיי דאָ אין גרענד פאלײ, סיי דאָרט אין „רידלעי רויד" כ'מיין אין „מלוכה"־טעאטער מחוץ דער געטאָ, טוט אים ס'הארץ אזוי וויי, אויף אונזערע ביידע „כאנטשעס פון אמעריקע". און ביידע דווקא, מיט אזא היפשן טאלאנט און מיט אזויפיל חן.